STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04686

HER GOLDENBARG

Isaac Raboy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ-ביבליאָטעק

די געקליבענע ביכער פון דער יונגער יידישער ליטעראטור

* * *

צוזאמענגעשטעלט פון נחמן מייזיל און מלך ראוויטש

3

א. ראַבאָי

הער גאלדענבארג

פארלאג „פרץ-ביבליאָטעק" ווארשע

הויפט-פארקויף: צענטראלער ביכער-לאגער „קולטור-ליגע", ווארשע

א. ראבאי

הער גאלדענבארג

פארלאג „פרץ-ביבליאטעק“ ווארשע

Printed in Poland

געזעצט פאַרביאַזש און גרינבערג, לעשנא 37
געדרוקט קופּערשטאָך און קראַמאַרזש, נאָוואָליפּקי 22
אין צוויי טויזנט עקזעמפּליאַרן
A. Raboj
„Her Goldenbarg"
1923
Druk. M. Kupersztocha i M. Kramarza,
Nowolipki 22

א. ראַבאָי — געבוירן אין רוסיש־פּוילן דעם 15־טן נאָוועמבער 1882. פֿון קינדווייז אָן אויפֿגעצויגן אין בעסאַראַביע. וואוינט אין ניו־יאָרק. — „הער גאָלדענבארג“ ניו־יאָרק 1915 „ליטעראַרישער פֿאַרלאַג“. „איך דערצעהל“, „די ווייסע וועכט“, „ניו־ענגלאַנד“. אַלע דריי — פֿאַרלאַג „אַמעריקאַ“ ניו־יאָרק 1920. האָט זיך באַטייליגט כמעט אין אַלע יידישע ליטעראַרישע אויסגאַבן אין ניו־יאָרק. וויכטיקערע אַרטיק־לען וועגן א. ראַבאָי: בעל־מחשבות, י. ח. ברענער, ש. ניגער, מנחם, ה. לייוויק.

א

אין דער ווייטער וועסט האָט דער ייד, הער גאָלדענבאַרג, ווייטע ברייטע ראַנדזשן, אויף וועלכע עס יאָגן זיך זיינע ווילדע פערד אָן אַ צאָל.

האַלט דער ייד גאָלדנבאַרג צו זיינע פערד אַ יונג. איז ער אַ שטילער און טוט זיין אַרבעט אין צייט, האָט ליב די פערד, און די פערד האָבן אים ליב.

אַלע פרימאָרגן שוועבט דער יונג אַוועק אויף אַן אָנגעזאָטלטער איינגעצוימטער בראָנקאָ איבער טאָל און בערג, צונויפצוזאַמלען די פערד פון הער גאָלדענבאַרגס ווייטע ראַנדזשן.

פריער טרייבט ער זיי צוזאַמען אין אַ גרויסן רינג ערגעץ אויפן פעלד. און אַז ער האָט זיי שוין אַלע אויף אַ פלאַץ, הויבט ער זיי אָן אַרומקרייזן מיט זיין „רייטערל" פון אָנפאַנג גרינג, פאַמעלעך און נאָכדעם שנעלער און שטאַרקער.

די צוזאַמענגעטריבענע ווילדע פערד פאַנגען אָן נאָכטון דער אָנגעזאָטלטער בראָנקאָ. אַפריער איינער, אַ צווייטער און אַ דריטער.

און אַזוי ביז אַלע פערד נעמען זיך דרייען איינער הינטערן אַנדערן. און ווען דער יונג טוט אַ קוק, אַז אַלע פערדלעך דרייען זיך אין אַ קרייז, גיט ער אַ צייכן צו זיין „רייטערל", און עס טוט מיט אים אַ שפרונג און אַ פלי פאָרויס, און אַלע פערדלעך נעמען זיך נאָכיאָגן. צו צווי, צו דריי אין אַ ריי. אָדער זיי ציען זיך אויס צו איינציקווייז און לויפן נאָך אין אַ לאַנגער קייט דעם יונג און זיין „רייטערל".

אַזוי קומט מען אָן צום טייכל. דער פערד-יונג פאָרט אַריין אין שטילן טייכל דער ערשטער, אַלע פערד טוען אים נאָך,

און דאָס טײַכל צעקלאַפּט זיך אויף ווײַסנקע שטיקעלעך. אַ יעדן פערד קומט אָן אַ חלק. און דאַן שווימט מען אַוועק מיט דעם הויכן אײַנגעשניטענעם ברעג, און פון דאָרט לויפט דאָס שמאָלענקע שטעגל צום „קאַרעל".

און אַלע מאָל, ווען ער פירט זיי אַרויס פון טײַכל און ער קוקט זיך אַרומטער, אַז קיין איין פערדל איז נישט פאַרבליבן אין וואַסער, רײַסט זיך בײַם פערד-יונג פון ברוסט אַ צופרידענער „אהו-או-האוך!"

און אַז מען קומט צום טויער פון דער הויכער און ברייטער „קאַרעל", שטעלט זיך דער יונג מיט זײַן „רײַטערל" אַוועק בײַ איין זײַט טויער, און ער ציילט די פערד, וואָס ציען אין טויער אַרײַן.

גייט דער לעצטער דורך אין טויער, שפּרינגט דער פערד-יונג שנעל אַראָפּ פון זײַן זאָטל און פאַרמאַכט דעם שווערן טויער.

אַלע פערד פון אינעווייניק קוקן אים אָן.

דער פערד-יונג פאַרשווינדט איבערן בערגל צום שטאַל. און קערט זיך צוריק פון דאָרט מיט אַ פעטן און הויכן, שוואַרצן אָגער, וועמענס טריט קלינגען אָפּ אין דער טיפער ערד.

און ווי דער אָגער דערזעט די אומרויִקע פערדלעך אין דער פיר-עקיקער „קאַרעל", לאָזט ער אָפּקלינגען אַ לאַנגן, ווילדן הירזשען.

דער פערד-יונג טוט אַ קנאַק מיט דער שוואַרצער, וויכער בײַטש אין דער לופט אַרײַן.

דער אָגער טוט אַ ציטער מיט זײַן גאַנצן וויכן לײַב.

דער יונג ברענגט אים געלאַסן צו צום קאַרעל, עפנט דעם טויער אויף אַ צוויי שפּאַן און לאָזט אים אַרײַן פרײַ אָן אַ צוים.

דער אָגער טוט אַ בריק אַרײַן צווישן אַלע פערדלעך. זיי

ליפן אַוועק פון אים אין די ווינקלען פון „קאַרעל״. און באַלד קלויבט ער זיך אויס אַ ווייסע, יונגע שקאַפּע. ער טוט איר אַ קוש אין האַלז.

זי וויל דאָס נישט פאַרליידן און הויבט אונטער אירע הינטערשטע פיס, אים אַ בריק צו דערלאַנגען.

האָט ער שכל, דרייט זיך אַרויס פון איר בריקע און גיט איר באַלד נאָך אַ קוש, דאָס מאָל שוין אין די ליפּן.

זי גיט אים אַ ביס דערפאַר אין רעכטן אויער אַריין.

ער טוט אַ טאַנץ און אַ שפּרונג; לאָזט אַרויס אַ פאַר־שטיקטן ברום, און פּרוּווט אַרויפלעגן זיין גרויסן קאָפּ אויף איר האַלז.

זי טוט אַ קוק פון אַ זייט צו אים, צעלאַכט זיך הויך און קלינגענדיק און אַנטלויפט פון אים. און ער לויפט איר נאָך, שפּרינגט אַוועק אין פאָרנט פון איר, בויגט אָן זיין קאָפּ און לאָזט זי שוין ווייטער נישט אַנטלויפן.

און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס. עס פאַרמערן זיך דעם יידנס פערד. און דער יונג איז ביים יידן מיט גרויס כבוד.

ב

דעם יידן גאָלדענבאַרגס הויז איז אָנגעפילט מיט אַל־דאָס־גוטס, אָבער נישט מיט קיין קינדער.

האָט ער אַרונטערגעבראַכט זיין שוועסטערס אַ מיידל, הייסט זי דבורה, און איז נאָך שענער פון זיין רחלען, ווען זי איז אַ כּלה־מויד געווען.

און מען האַלט זי, ווי אַן אייגענע בת־יחידה.

און זי האָט טאַקע געבראַכט פרייד אין דעם יידנס הויז.

און נאָך מערער פרייד געטריבן אין דעם פערד־יונג אַריין.

און ביים טיש, צו אַ מאָלצייט, באַדינט דבורה דעם פערד-יונג מיט אַ געשיקטן, געהיימען חן.

ווען זי באַרירט אַמאָל זיין האַנט, פילט דער יונג, ווי אַ שאַר־פער שטראָם טוט זיך אַ גיס אין זיין גאַנצן לייב.

צומאָל, אַז עס גיט זיך אים איין, שניידט ער אַריין זיינע בליקן אין דבורהן, און אים דאַכט זיך, אַז פון דבורהס אויגן לאַכן טויזנטער שטערנדלעך אַרויס.

און אַז ער עסט עפּעס, פילט ער, אַז די מאכלים שמעקן מיט אַ געהיימען ריח, וועלכן דבורה האָט אין אַ צייט פון קאָכן פאַר אים אַליין דאָרט פאַרבאַהאַלטן.

ווען זי רעדט עפּעס ביים טיש, קוקט ער נישט צו איר, נאָר ער שלינגט, און ציט זיי, די ווערטער אירע, אין זיינע לונגען אַריין.

ער דערקענט, אַז זי איז געווען ביים ברונעם נאָך וואַסער. ער זעט עס אין דעם ווייסן טעפּעלע, וואָס ליגט אויפן דעק פון ברונעם. ער טרינקט אויס אַ טעפּעלע וואַסער. ערשט נישט לאַנג איז דאָ דבורה געווען. עס איז געבליבן אַ ראָזעווער הויך פון אירע ליפּן אויף דעם זוים פון טעפּל.

און נאָך אַ זאַך. יעדן פרי־מאָרגן, ווען ער גייט פון זיין צימער אויף דרויסן, פאַרטראָגט עס צו אים אַ ריח פון איר יוגנט.

און איז ער אין פעלד פאַרטאָן אין זיין אַרבעט, און עס טוט אַ יאָג אַ ווינטל — דערשמעקט ער דבורהן.

ער קוקט זיך אַרום. אפשר איז זי געקומען צו אים אין פעלד.

זעט זיך קיינער נישט.

טאָמער ליגט זי אין די גראָזן באַהאַלטן?

פייפט ער צו איר אַזוי מילד, גייט פאַמעלעך, ער זאָל ז נישט איבערשרעקן.

קיינער איז ניטאָ — הימל און ערד זייגען עדות –
גייט ער צוריק צו זיין אַרבעט, און עס פאַלט אויף אים אָן אַ האַרציקער פלייס.

און אין הויז רעדט ער נאָך ווייניקער ווי תמיד.

ביים טיש שמייכלט ער אַזוי ווייך מיט זיינע מאַסיווע ליפּן, ווען עמעץ זאָגט אַ גוט וואָרט. און דבורה טוט אַ כאַפּ אַ בליק צום פערד־יונג און אַנטלויפט אָן אַ זייט מיט אירע אויגן. זי טראַכט פון אַ צופאַל, אַז זי זאָל אים אָנטרעפן און קיינער זאָל זיי ניט זעען.

דאַרף דער יונג, אין אַן אָוונט, אין שטאַל אַרויסגיין. אַ קראַנקן פערד היילן. איטלעכער אין הויז איז געווען מיד פון טאָג.

איז דבורה מיט אים אין שטאַל אַרויס צו האַלטן די ליכט

נעמט דאָס קראַנקע פערד און טוט אַ בלאָז מיט זיינע נאָזלעכער. די ליכט לעשט זיך אויס. דבורה דערשרעקט זיך, און לאָזט פאַר שרעק די ליכט אַראָפּ אויף דער ערד. בויגן זיי זיך איין זוכן די ליכט אין דעם איינגעבעטן שטרוי הינטערן פערד.

האָט ביים פערד־יונג פלוצים אַ שלאָג געטאָן אין האַרץ אַ פאַרלאַנג א קוש צו טון דבורהן. און נאָכדעם וואָלט ער איר דערציילן וועגן איר ריח, וואָס שווימט אים נאָך אַ גאַנצן טאָג אין פעלד.

דבורה שלאָגט זיך אָן מיט אירע ווייכע, שוואַרצע האָר צו זיינע ליפּן און ער בייסט זיך אריין.

דבורה שווייגט.

די פערד שטייען אין פינסטערן שטאַל, פאַרשטומטע, און הערן זיך איין.

דער פערד־יונג וויל אַרומכאַפּן דבורהן מיט זיין האַנט. רעדט זי אַרויס שטיל:

— דאָס ליכט געפונען...

צינדט ער די ליכט מיט אַ בייזלעכן קנאַל פון אַ „מעטש" און מיט פאַרדרוס טוט ער אַ גיס די מעדיצין אויפן פערדס וואונד. און זיי גייען שווייגנדיק אין הויז אַוועק. ערשט אויף דרויסן באַקומט דער פערד־יונג מערער מוט. און ביים טיר פון הויז טוט ער זי אַ פרעג:

— זיינט איר היינט געוועזן אין פעלד?

— ווען איך בין דאָרט, זעט איר מיך — ענטפערט דבורה קורץ.

— עס איז געוועזן, ווי איר האָט פאַר מיינע אויגן דורכ־געשוועבט. איך קוק זיך אַרום, קיינער! איך האָב אָבער אַזוי ווי אָנגעשמעקט אייער ריח, וואָס איז אַרויפגעקומען פון אַרום און אַרום.

דבורה טוט אַ לייכטן ציטער, עפנט די טיר פון הויז.

און נאָכדעם, ווען זיי באַגעגענען זיך אויג אויף אויג שמועסן זיי אַלץ, שטומערהייט, פון יענעם ריח...

ג

דבורה האָט געוווסט, ווי זי ווערט געהאַלטן ביי איר אָנקעל, הער גאָלדענבאַרג.

האָט זיך איר איינמאָל פאַרוואָלט אַרויסצורייטן איינינעם מיט דעם פערד־יונג אין אַ פרי־מאָרגן און נאָר אויף דעם פערדל, וואָס הייסט „קיטי" און מיט דעם נייעם האָרנזאָטל.

גאָלדענבאַרג איז דערויף באַשטאַנען און איר נאָך מיט אַ

שמײַכל אַ קניפּ געטון אין בעקל. און אַ קוק טוענדיק צו זײַן רחלען, געזאָגט:

— פאַר וואָס נישט? זאָל אַ קינד כאַפּן אַ רײַט און האָבן אַ ביסל פרײד.

גאָלדענבאַרג איז גלײַך אַרײַן צו דעם פערד־יונג אין צימערל. אים אָנגעזאָגט וועגן דבורהלעס אַרויסרײַטן און אים אָנגעבעטן אויסצופּוצן „קיטין" אין דעם נײַעם זאָטל און זען, נישט צו רײַטן גיך.

דער יונג האָט שוין נישט געקענט אויספירן זײַן אָונט־אָוונטלעכע אַרבעט. עס האָט אים אַרומגענומען אַ פרײד, אַזוי ווי בײַ אַ דאָרפסקינד, ווען זײַן פאָטער זאָגט אים צו מיטנעמען אין שטאָט אַרײַן.

ער האָט ווינציק געטראַכט, און זיך אין זײַנע קלײדער שלאָפן געלעגט: טאָמער פאַרשפּעטיקט ער אויף מאָרגן, זאָל ער זיך נישט דאַרפן אָנטאָן. אים האָט זיך געוואָלט זײַן מאָרגן אין שטאַל נאָך אײדער די פויגלען שטײען אויף.

און אויף מאָרגן, אַז די שוואַרצקײט פון פענצטער האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן בלוילעך צו ווערן, איז ער שוין אַראָפּ פון בעט. אַרײַן אין קיך, זיך אײַנגעוואַשן אין צווײערלײ וואַסערן און איז אַוועק אין שטאַל אַרײַן.

דבורה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם פערד־יונגס שווערע טריט אין קיך. זי איז אַרונטער פון בעט אַ לײַכטע און מונטערע. פאַרוואַשן איר פּנים אין קאַלטע וואַסער, איבערגעפלאָכטן אירע ווײכע האָר און זײ פאַרלעגט אַרום קאָפּ. אָנגעטון איר ברויגעם אַנצוג און איז אויך אַרויס אין שטאַל אַרײַן, ווו דער

פערד-יונג, נישט דערוואַרטנדיק זיך אַזוי גיך, האָט עפּעס בייז-לעך געבּרומט צו די פערד.

אַז זי איז אין דער גרויסער צעעפנטער טיר פון שטאַל אַריין, איז איר אַקעגן געקומען דער ריעש פון דעם, וואָס אַלע פערד האָבן געשמאַק געמאָלן דעם האָבער צווישן זייערע ציין. דאָס, און דער שאַרפער שטאַל-ריח, האָבן אין איר געגאָסן אַ ים מיט מוט.

זי איז אַריין איבעוויייניק און געזוכט צווישן די פערד מיט איר פייערדיקן בּליק.

דעם פערד-יונגס „רייטערל" איז שוין געווען אָנגעזאָטלט און באַפּוצט מיט רימענדלעך און לעדערנע טראָלדן, וועלכע זיי-נען געהאַנגען פון ביידע זייטן פון זאָטל. דאָס „רייטערל" איז געשטאַנען און איילנדיק געשלונגען דעם האָבער און קאָקעטירט, צוקלאַפּנדיק מיט די פאָדערשטע פיס.

דאָס „רייטערל" האָט געכאַפּט אַ זייטיקן בּליק צו דבורהן און:

„אָט באַלד, יונגע שיינע דבורה, גיך וועלן מיר רייטן אין ווייטן פעלד אַריין. איבער טאָל און באַרג. וועלן מיר זיין אין טאָל, ווו די נאַכט שוועבט נאָך אום אַ צעמישטע און פאַרשטוי-סענע. נאָכדעם וועלן מיר אַרויף אַ באַרג, וועט עס ווערן ליכ-טיקער און ליכטיקער. עס קומט אונז אַקעגן דער מאָרגן, מיט פאַמעלעכע, גרינגע טריט. מיר וועלן קומען צו רייטן אין מיט באַרג און זיך אָפּשטעלן אַ קוק צו טון. און די זון אין אַ טוי געוואַשענעם בלויען קלייד קומט אַרויס פון טויער פון „הימל און באַרג" און וואונדערט זיך אויף אונז, פאַר וואָס מיר זיינען אַזוי פרי געקומען. און לאַנגע ווייטע קושן שיקט זי אונז מיט אירע גאָלדענע און דימענטענע אָנגעצירטע פינגער — ליבּע דבורה!.."

און דער יונג שטייט ביי „קיטין" און פוצט זיך ביים קאָפּ. „קיטי" וויל עס נישט פאַרליידן.

דבורה קומט צו נענטער, טוט קיטין אַ גלעט מיט איר ווייכער פרישער האַנט.

— מיר וועלן באַלד אַרויסרייטן, — האָט דער יונג, אָנשטאָט גוט־מאָרגן, דבורהן געזאָגט. און פרום האָט ער עס געזאָגט מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגן.

דבורה האָט זיך אַ דריי געטון פאַר פרייד און די ברוינע קלייד האָט זיך צעטאַנצט איבער איר יונגען בויגיקן קערפּערל.

דעם פערד־יונג איז די אַרבעט שנעל געלאָפן. אין איין אויגנבליק איז „קיטי" געווען געזאָטלט און אַרויסגעפירט.

דאָס קליינע פערדל, „קיטי", מיט די ווייסע און שוואַרצע פלעקן אויף דער דינער און גלאַנציקער פעל, האָט געהאַלטן דעם קליינעם קאָפּ אין דער הויך. פון ביידע זייטן פון „קיטיס" קאָפּ זיינען געהאָנגען רויטע לעדערנע ראָזעטן, און פון מויל אַרויס האָט געגלאַנצט די נייע ווייסע צוים און די געלע איידלגעשניטענע לייצעס זיינען געווען רייך פאַרוואָרפן איבער „קיטיס" רונדן האַלז.

דבורה איז צוגעגאַנגען, אַ נעם געטאָן מיט איר לינקער האַנט די לייצעס און מיט דער רעכטער האַנט זיך אָנגעכאַפּט אָן האָרן פון זאָטל. פאַרשטעקט איר שאַרפן קליינעם פוס אין טרעטער, זיך אונטערגעהויבן און פאַרוואָרפן איר קליינעם קערפּער אויף דעם זאָטל.

דער יונג האָט זי דערביי געהאַלטן אונטער איר לינקער האַנט און איר געהאָלפן. נאָכעם האָט ער זיך געשווינד אַרויפגעכאַפּט אויף זיין „רייטערל" — דאָס פערדל האָט זיך אַ דריי

געשטאַן אין אַ ראָד, און ווי צוויי פּײַלן געצילט אין איין אריגנ־בליק, זײַנען דבורה און דער יונג אײַזיק אַוועק אין פעלד אַרײַן.

ד

די מיידלשע ווייטע און ברייטע לאַנד איז געלעגן אַ רויקע מיט אירע בערג און טאָלן און געאָטעמט די וואַרעמע שטראַלן, וועל־כע די יונג־אויפשפּראָצנדע זון האָט געשפּרייט איבער איר און אירע טיפענישן.

עס איז קיין איין בוים, איבער באַרג און פּלאַכע, נישטאָ.

ליגט זיך דער פויגל אין די טיפע גראָזן און זינגט זײַן מאָרגן־ליד צו די בערג און די בערג, מיט זייערע ווייסע שאַרפע שטיינער אויף די שפּיצן, קוקן אויס ווי געטער אין פּערלמוטער־נע קרוינען.

אָפּגעזונגען פליט דער פויגל אַרויס פון טיפן גראָז צו דעם צעאַקערטן שטיק פעלד, און נידערט אַלע רגע אַרונטער און שטעלט זיך אַוועק אָט אויף אַ האַרטן, נישט צעקלאַפּטן שטיק ערד, און אָט אויף אַ צעמאָלנעם שטויביקן אָרט, קוקט זיך אַרום פון אַלע זייטן, געפינט אַ קערנדל, פּיקט דאָס אויף מיט זײַן שנאָבל, קוקט זיך נאָכאַמאָל אום, און האַוי־פּף!

און פון יענער זייט צעאַקערטן פעלד שטייען אין לאַנגן קנייטשנדיקן שטח יונגע, מוטיקע ברויטן, טונקל־גרין זײַנען זיי און שטרעקן זייערע שאַרפע שפּיצלעך צו דער הויך, ווי זיי וואָלטן זיך ציִען צו כאַפּן אַ שטראַל פון דער זון.

און מיט וועגן קרומע און מיט פעלדער אָנגעטויעטע שוועבן בײַנאַנד דבורה און דער פערד־יונג, אַזוי נאָענט איינס בײַ דאָס אַנדערע, אַז עס זעען זיך נאָר די צוויי קעפּ פון זייערע פערדלעך־

ער דערפילט איר יונגן פרישן אָטעם און עס פאַרשמעקן אים אירע ווייכע האָר

זי כאַפּט זיך אָן מיט איר רונדן דונקעלן הענטל אין זיין מאַ-סיוון שטאַרקן אָרעם. פון זיין הויכער, שטאַרקער ברוסט גייען אויף און אָפּ אַזוינע פלאַמען, און זי אָטעמט זיי איין אין זיך. ער טוט אַ כאַפּ אירע פינגערלעך צו זיין מויל און קושט זיי.

זי לאָזט אַרויס די לייצעס פון איר לינקער האַנט און וויקלט זיך איין אַרום זיין האַלז.

זיינען די פערדלעך שטיין געבליבן.

דבורה האָט זיך אַוועקגעבויגן פון יונג און בעפעלט:

— איך וויל גרייזעלעך!

פלינק ווי אַ הירש איז דער יונג אַרונטער פון פערדד.

אין אַ ווײַלע אַרום געבראַכט דבורהן אַ בינט מיט געלע-קע, בלויע און פאָמס-רויטע בלומעלעך.

— איך וויל ווייסענקע אויך! — בייזערט זיך דבורה.

— עס איז קיין ווייסע נישטאָ, טײַערע.

— ווייסענקע ווייסענקע!

איז ער אַוועק איבערן פעלד און געזוכט און געזוכט און גאָט געבעטן ער זאָל אים צושיקן ליכט אין זיינע אויגן צו גע-פינען ווייסע קרייטעכער.

האָט גאָט אין הימל געהערט זיין געבעט און האָט אים צו-געשיקט ווייסענקע.

איז דער יונג געלאָפן און געריסן אַ בלימל דאָ, אַ בלימל דאָרט, און האָט געבראַכט דבורהן „ווייסנקע, ווייסנקע"

האָט דבורה ביי אים אַ כאַפּ געטאָן די ווייסע קווייטלעך, אַ בריק געטאָן איר פערדל און אַוועקגעלאָפן. און זיך צוריק געקערט און וויל אַרויפרייטן אויף דעם יונגס געביין

נאָר זי טוט אַ שטאַרקן צי „קיטין" אויף צוריק און צע־לאַכט זיך.

— האָסט גאָר קיין מורא נישט פאַר מיין פערדל?

— פאָר אויף מיר אַרויף, אויב ווילסט...

דבורה האָט פונאַנדערגענומען דעם בוקעט פון די ווילדע קרייטעכער, און זיך גענומען וואַרפן די בלימלעך איינציקווייז דעם יונג אין פנים אַריין. אין די אויגן אַריין. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און נישט געפינטעלט מיט די אויגן, און געקוקט אויף דבורהן. — נאָך יעדן וואָרף טוט זי פלינק אַ פיר מיט איר ק׳יין ווייס־ברוינע פינגערל איבער דער ברייט פון איר מויל און ברייגגט אַרויס אַ דינעם, געדרייטן קול...

דער יונג שטייט און עס רייצט אים. זיין „רייטערל" כאַפט אַלע ווײַלע אַ קניפּ פון דעם נאַסן גלאַנציקן גראָז, צוקייט עס און קוקט מיט איין אויג צו דעם יונג.

„קיטי" וואָלט אויך וועלן אַ קניפּ טאָן אין טיפן גראָז, קען זי נישט. יעדן מאָל וואָס זי פאַרמעסט זיך איינצובויגן איר קאָפּ, טוט דבורה אַ צי די לייצעס. „קיטי" פאַרשטייט נישט פאַרוואָס זי טאָר נישט.

דבורה זאָגט:

— אייזיק, וועסט מיך לערנען אַרומרייגגלען פערד.

— האַ, גוט. איך וועל דיך לערנען! — ענטפערט דער פערד־יונג.

— די פערד זיינען איצט צושפּרייט, עס איז הייס. מיר וועלען זיך ביידע צוטיילן. איך וועל אַוועק אין מזרח און דו רייט אַוועק אין צפון זייט. און זעסט יענעם באַרג מיט דעם ברייטן פלאַכן קאָפּ?

— איך זע, איך זע — הע! — ציט דבורה אויס מיט אַ

פרייליכן נגון:

— איך וועל צוזאַמען ברענגען אַ גאַנצן ים מיט פערד אַהין צו יענעם באַרג. דאָרטן וועל איך זיך מיט זיי אָפּשטעלן און וועל וואַרטן ביז דו וועסט אָנקומען מיט דיינע פערדלאַך. און אפשר וועסטו וואַרטן אויף מיר. —

— איך אויף דיר!? — צולאַכט זיך דבורה.

— מ׳קען נישט וויסן, ווייל קיין בעזונדער תורה איז דאָס נישט. — געפינסט פערדלער, טרייב זיי אויף און ברייננ זיי אַהין אויפן באַרג. נור לאָז פון זיך הערן.

— הו — אַ, — הו — אַ! — מאַכט דבורה אַ פּראָבע ווי זי וועט אים לאָזן וויסן פון איר קומען מיט די פערד.

אייזיק כאַפּט זיך אַרויף אין זאָטל אַריין. מען לאָזט זיך אַוועק, ער אין איין זייט און זי אין אַ צווייטער. מען בויגט אויס די קעפּ, מען קוקט זיך אָן. און אַוועק!

דער יונג דערפילט זיך ווי אַן אָדלער. זיינע פיס ציען זיך אָן מיט זייערע ברייטע האַרטע מוסקולן. ער זיצט נישט אין זאָטל, נאָר ער שטייט אין די טרעטערס; זיינע ברייטע גלייכע אַקסלען וויגען זיך אַראָפּ און אַרויף פון איבער דעם „רייטערל״. מיט זיינע אויגן נעמט ער דורך די גאַנצע לייגג און ברייט פון דעם יידנס פּריירי. ער איז ביי זיך פעסט, אַז היינט וועט עס צוגיין שנעל. ער וועט באַלד אַ סך פערדלעך געפינען און מיט זיי אַוועק אויף יענעם באַרג.

ווייסט אָט יענער באַרג וואָס עס וועט היינט אויף אים פּאַסירן?!

שטיין וועט ער מיט זיינע פערדלעך און קוקן פון באַרג אין אַלע פיר ווינקלען פון דעם ראַנדשו, ביז עס וועט זיך אָנהויבן צו מאָהלן פון ווייט אַ שוואַרצינקער פינטעלע. עס וועט

פון פינטעלע ווערן אַ רייטער. דבורה וועט עס קומען צו אים. און פון ווייטנס זיך לאָזן צו הערן מיט איר „הו — אַ, — הו אַ!" ווייסט דאָס אָט יענער באַרג?

ה

דבורה איז אַרומגעפאָרן אויף דער פּריירי און געוואָלט געפינען אַ סך פערדלעך אין איין קופּע אין וועלכע זי זאָל קענען אַרייַנרייטן מיט אימפּעט און זיי פּערנעמען צו דעם באַשטימטן באַרג, וווּ דער פערד-יונג וואַרט שוין אויף איר.

אַלע מאָל האָט זיך איר אונטערפאַרן אויג אָפּגענאַרט. פון אַ טונקעלן שטיין, פון אַ דאָרן אָדער פון אַ קליין ביימעלע אין אַ טאָל, איז ביי איר אַרויסגעקומען א פערד. זי פלעגט אַהין שנעל צופאָרן, דערזעען איר טעות און זיך צעלאַכן.

צומאָל האָט זי אָנגעטראָפן אַ פערד אָדער צוויי, און זיך נישט אָפּשטעלן — זי וויל אַ ים מיט פערדעלעך.

זי וועט שווענבן מיט אַ סך פערדלעך, און אין דער פרייער, ברייטער פּריירי וועט אָפּקלינגען איר „הו — אַ", און זי וועט נאָך צעלאָזן אירע האָר און זיי וועלן פליען ווי זיידענע טיכלעך אין דער לופט... זי וועט טאָן ווי זי וועט וועלן.

ביים אָנקל אין הויז איז איר גוט, אָבער עפּעס איז דאָרט איינג...

גאַנצע טעג איז זי פערנומען מיט הויז-זאַכן און מיט אַנדערע קלייניקייטן.

איינמאָל אַ וואָך נעמט מען זי מיט אין שטעטל אַריין.

אויך מיר אַ שטעטל! עס שטייען עטליכע הייזער אין איין שורה און קעגען איבער די הייזער די באַן-סטאַציאָן. נאָך דער סטאַציאָן שטייען דריי הויכע פיר-עקיגע שפּייכלער פאַר די ברויטן פון די

אַרומיקע פעלדער. עס איז דאָ איין שפּייז קראָם, וווּ מען באַקומט פון אַ ציבעלע ביז אַקער־אייזן. און דאָרט שטייט אַ הויכע דארע בלאָנדינקע און תּמיד שמייכלט זי צו דיר און לאַכט.

כאָטש דבורה האָט אַליין ליב צו לאַכן. — אָפט קלויבט זי אויס אַ צייט ווען איר מומע שטייט פערטאָן אין קיך און זי לויפט אַריין און לאָזט אַרויס אַ הויכן: הו — אַ — הו — אַ!

די מומע דערשרעקט זיך און שרייט אויס מיט אַ קוויטש:

„אוי, ווי איז מיר, נישט!"

און נאָכדעם לאַכן זיי ביידע שעהן נאָכאַנאַנד.

און ערשט ווען די מענער קומען פון דער אַרבעט, ווערט שטיל אין הויז.

שטיל, רויק און איינג.

דער פערד־יונג פאַרציילט נאָר פון פערד:

„האָט זיך אַ צוויי־יאָריקע בראָנקאַ צעווילדעוועט אין דער „קאַרעל" און האָט געוואָלט אַריבערשפּרינגען דעם הויכן פּלויט און איז געבליבן שטעקן מיט זיינע פאָדערשטע פיס אין זוים פון פּלויט. האָט ער, דער פערד־יונג, מיט אַ הויכן פלאָקן איט אַרויסגעהויבן פון דאָרט איינער אַליין..." גיט דער אָנקל דערביי אַ קורצן נישט פאַרשטענדליכן ברום און זיי צושמייכלען זיך ביידע.

אַן אַנדערשמאָל, דערציילט דער פערד־יונג, ווי ער האָט ריייטנדיק אין פעלט דעם פרימאָרגן, געפונען די אָדער יענע ק׳יאַטשע מיט דעם לאַנגעכיקן נאַרישן קאָפּ מיט אַ קליינטשיקן רויטן לאָשעקל. דאָס לאָשעקל האָט געהאַט אַ ווייסן פאַסעקל אויף זיין פנימל, און ווי די קליאַטשע האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט איר גרויסן לאַנגן קאָפּ, ווען זי האָט דערזעען דעם פערד־

יונג צוקומען נאָנט, איבערן לייטער, און געבריקעט מיט אירע הינטערשטע פיס.

— אַ גוטע מוטער, אָט די יעטטי, האָט דעם אָנקל פילבאָ-דייטנד אָנגעמערקט. יעטטי איז אַ גוטע מוטער!

אַ גוטע מוטער טראַכט זיך דבורה — „קיטי”, האָסטו אויך געהאַט אַ גוטע מוטער?...

דבורה באַקומט פּלוצים ליבע צו איר „קיטין”, וועלכע טראָגט זי איבער איר אָנקעלס פעלדער.

און זי טוט איר אַ דוצקע מיט אירע קליינטשיקע פיסלעך אין די זייטן אַריין. און „קיטי” צעיאָגט זיך שנעלער, און אירע די-נענקע פיסלעך צייכענען אויס איבער די גראָזן ווילד געדרייטע בילדער.

דבורה האָט דערזעען אַ קאָפּ פון אַ פערד מיט אָנגע-שטעלטע צוויי אויערן. זי האָט פערדרייט „קיטין” אין יענער ריכטונג און — אָט איז עס!

זי איז צוגעריטן אין טאָל.

צווישן אַ ברייטן פלאַכן פעלד און אַ הויכן משופעדיקן און לאַנגען באַרג, זיינען טאַקע געווען אַ סך פערד. זיי האָבן אָנגע-שטעלט זייערע קלוגע אויגן צו דבורהן און זיך אַלע געטאָן אַ לאָז צו איר.

דבורה איז פאַרשעמט געוואָרן ווי אַ זיבגערקע, ווען זי קומט אַרויס צום ערשטן מאָל פאַר אַ גרויסן עולם.

„קיטי” איז געבליבן שטייען.

אַלע פערדלעך האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין אַ קרייז און גענומען שמעקן צו „קיטין”. אייניקע האָבן געפרווט אַ שנאָרך טאָן צו דבורהס פיס, און באַלד אַוועקגעכאַפּט די קעפּ און זיך פאַרדרייט אין אַ זייט און צוריקגעקומען און ווייטער געקוקט אויף דעם „נייעם” רייטער.

דבורה איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן, אַז זי האָט פאַרגעסן אין דעם צוועק פון איר קומען אַהער. און זי האָט אָפּגעלאָזט די לייצעס פריי. און אַנגעהויבן שטעקן אירע קליינע ברוינע הענט דאָס צו איין און דאָס צו אַן אַנדער פערדל. און זי האָט צו זיי אָנגעהויבן רעדן און מאַכן חנדלעך. און מיט אַמאָל האָט זי גאָר אַ מאַך געטאָן מיט אירע הענטלעך און אויסגעשריגן:

— „באָ—אָה—אָה ! !״—

דער קרייז פערד איז זיך פון איר האַסטיק צעלאָפן, ווי איבערגעשראָקענע פויגעלעך. און זייגען אַוועק פון איר מיט אַ שווערן, טומעלדיקן גאַלאָפּ.

און „קיטי״, פילענדיק זיך פריי אָן לייצעס, האָט זיך אויך דערשראָקן און געטאָן אַ הויכן שפרונג מיטביידע הינטערשטע פיס, אַרונטערגעוואָרפן דבורהן איבער איר קאָפּ, און איז אַוועק איבער דעם פעלד נאָך די איבעריקע פערד, און געשלעפּט הינ־טער זיך, אויף אַ קליינעם שטח, די בלאַס צעשראָקענע דבורה.

דבורה איז געבליבן ליגן מיט אויסגעצויגענע הענט, אין דעם טיפן, ווייכן גראָז.

„קיטי״ איז אַוועק. וואָס מער די זאָטל־טרעטערס האָבן איר געקלאַפּט אין די זייטן אַריין, אַלץ שנעלער איז זי אַנטלאָפן, אַליין נישט ווויסנדיק וואוהין. די לייצעס האָבן זיך געשלעפּט פאַר אירע פאָדערשטע פיס. האָט זי איר קאָפּ אינסטינקטיוו באַלד אין דער הויך אויפגעהויבן.

די איבעריקע פערד האָבן געקוקט צו „קיטין״, און דער קלאַנג פון די זאָטל־טרעטערס, און דאָס זאָטל אָן אַ רייטער האָט זיי נאָך מער געשראָקן און איינגאַנצן די פרערי ווילדקייט האָט זיך אין זיי אויפגעכאַפּט, און אַ ווייסער שוים האָט זיך באַוויזן אין זייערע מיילער און אויף זייערע גלאַנציקע קערפּערס.

זיי האָבן זיך געטראָגן אין אַ פאָרמע פון אַ מחנה ווילדע ענז, ווען זיי פליען איבער פון איין אָרט אין אַ צווייטן: — אָט זיך צוזאַמענגעצויגן אין אַ געדיכטן רינג און האָט זיך צעשפרייט.

„קיטי" האָט זיך דערמאָנט אין דער מילך, וואָס איר מוטער האָט איר זויגן געגעבן אויף די דאָזיקע פעלדער. און אַלע וועגלעך און שטעגלעך זיינען נאָך נישט פאַרווישט געוואָרן פון דעם יידנס פרערי. און זי האָט געיאָכצט מיט פרייד און איז געשפרונגען אויף פאָרויס און זיך צומאָל אַ דריי געטאָן מיט איר פנים קעגן די פערדלעך און געטאָן אַ טאַנץ, אַזש די זאָטל טרעטערס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער לופטן.

זיינען זיי אַזוי געלאָפן, ביז זיי זיינען געקומען צום טייכל. זיינען זיי אַהין אַריין, און אַלע מיט אַמאָל ווי איינער, געבליבן שטיין אין אַ טיפן אָרט. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אָפגעקילט זייערע הייסע קערפערס און זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. און פון איינעם צום אַנדערן געגאַנגען און נאָכגעשמעקט. און אַז מען איז צוגעקומען צו „קיטין", האָט זי זיך טרויעריק מיט די אויגן געבעטן, און יענע האָבן געשמעקט צו דעם זאָטל און עס געפרוווט בייסן.

באַלד אָבער האָט איינער פון די פערד מיט זיין עק אַ פאַטש געטאָן אין וואַסער אַריין. עס האָט אַ הויפן מיט דריבנעקע טראָפענדלעך וואַסער זיך צעשאָטן איבער אַלע פערד, און זיי האָבן זיך ווידער דערשראָקן, זיך אַ לאָז געטאָן פון טייכל אַוועק מיט די פעלדער, זיי זיינען געלאָפן איבער טאָל און באַרג און געקומען צום ברעג פון דראָטענעם פלויט און צוריק מיט אימפעט זיך אַוועקגעלאָזן איבער די פעלדער מיט לאַנג אויסגעצויגענע העלזער און אויסגעשטרעקטע עקן.

גוט האָבן זיך געפילט די פערד ביי הער גאָ-דענבאַרגן אויפן ראַנדזש.

דורך זיין מי פלעגן די יונגע געבוירן ווערן אין משך פון אָנפאַנג ביז אין מיט זומער, דעמאָלט ווען די „מאַמעס" מיט די „קינדער" קאָנען אַרומלויפן אויף די פּרעריי און געניסן פון די שענסטע גראָזן, און גישט וויסן פון קיין זאָרג.

און צו ווינטער אַנטוויינט גאָלדענבאַרג די דאָזיקע „קינ-דער" פון זייערע „מוטערס" און נעמט זיי אַריין אויף איבער ווינטער אין אַ גרויסן שטאַל, וואו ער האָט פאַר זיי אָנגע-גרייט גוטע, פרישע „טהימאָטי"-היי... און טאָג איין טאָג אויס קומט ער צו זיי, אין רעגן און אין שניי, כדי אַליין, מיט זיינע הענט, איטליכן אַ טעפל האָבער איינצוטיילן.

די קליינוואַרג שטייען דאַן ביי די פּירעקיקע לאַנגע קאַסטנס, וואָס אַרום די ווענט פון שטאַל, און הערן זיך איין אין דער ווינטערדיקער שטומער לופט, צי קומט נישט זייער שפייזער.

און אַז גאָלדענבאַרג צעעפנט די שווערע טירן פון שטאַל, און אַ כוואַליע ווייסע לופט רייסט זיך אַריין אין האַלב-טונקעלן שטאַל, טוען אַלע מיט אַמאָל זיך אַ לאָז צו אים.

און איינטיילנדיק זיי דעם טעפל האָבער, גלעט ער יעדן פון זיי. דעם ביים האַלז, אַן אַנדערן איבערן פּנימל, און האָט זיי תמיד עפּעס גוטעס און מונטערעס צו זאָגן, כאָטש אים דאַכט זיך אַליין, אַז די „קינדער" וואַקסן נישט.

ערשט ווען עס קומט דער פרילינג און ער לאָזט זיי אַרויס אויף דער פּרעריי צו „אייגענע קעסט" (ווי ער פלעגט דאָס אַליין אָנרופן), ערשט דאַן דערזעט ער, אַז זיי זיינען אויסגעוואַקסן.

אין דעם קומענדיקן ווינטער לאָזט ער די קליינע, גלייך מיט די גרויסע אויף דער נאַקעטער פּרעריי

מיטן אָנקומען פון ווינטער, נעמט ביי די פערד וואַקסן אַזאַ לאַנגע האָר, צו באַשיצן זייערע ביינער פון קעלט. און צום זומער בייטן זיי איבער די לאַנגע האָר אויף אַ דינעם, סאַמעט־גלאַטן פעל. און אויך אין דעם העלפט זיי הער גאָלדענבאַרג. — אין די פרילינג־טעג שפרייט ער פאַר זיי יעדן טאָג אויס נישט געדראָשענעם האָבער צווישן די בערגלעך און טאָל, וואָס איז פון ווינטן געשיצט, ווייל קאַלט און ווינטיק זיינען די פרילינגן אין דער ווייטער וועסט, קייען די פערד דעם נישט געדראָשענעם האָבער, טרייבט דאָס כח אין זייערע ביינער, און זיי ווערן גלאַטער און שענער.

גוט איז די פערד ביי הער גאָלדענבאַרג.

ו

ביים יידן, הער גאָלדענבאַרג, אין הויז ווייסט מען נאָך פון גאָרנישט.

עס איז געווען דער צאָל־טאָג און אַ גאַנצן אין דער פרי און פאַרמיטאָג זיינען אָנגעפאָרן די גרינע, גרויסע און לאַנגע וועגענער, מיט די קיילעכדיקע אויסגעפוצטע קליינע פערדלעך, און זיך אויסגעשטעלט ביים לאַנגן, שטאַרקן באַלקן, וועלכן דער ייד האָט אויפגעבויט צוליב דעם, אַז די פאַרמערס זאָלן אין צאָל־טאָג קענען צובינדן זייערע פערדלעך.

אייניקע זיינען שוין געווען אין הויז און זיך צערעכנט און באַצאָלט דעם יידן פאַר זיינע גוטע קליינע פערדלעך, און דערביי געהאַלטן אין איין לויבן זיך אַליין, ווי גוט זיי קענען צוימען אַ יונגע בראָנקאָ, און עס איז טאַקע דעם הער גאָלדענבאַרגס גוטע, בלוטיקע פערדלעך.

אַ טייל זיינען געשטאַנען אין דרויסן ביי אַ וואָגן אין אַ

קרייז און געשמועסט, און ווען עמיצער אַ נייער איז צוגעקומען, האָט מען אים „געשענקט הענט", און מיט אַ מאָדנעם פריילעכן געפיל און אַלע מיט אמאָל האָבען תמיד אויסגעשריגן צו דעם נייעם צוגעקומענעם:

— „שטעק" הענט!...

מען איז אָפּגעפאָרן און מען איז אָנגעקומען.

אַלע מיט אַ גרינעם לאַנגן וואָגן, פון פאָרנט מיט אַ הויכן זיץ אויף שפּרוזשינעס און אַ לאַנגן שוואַרצן בייטש

און קינדערלעך האָבען די פאַרמערס אָנגעבראַכט, וועלכע זיינען געזעסען אין די טיפע גרינע וועגענער און אַרויסגעפּיפּצט מיט די שטרויענע קאַפּעלושלעך, מיט רויטע סטענגעס, אויף דעם הער גאָלדענבאַרגס גרויסן גוט. צומאָל האָט אַ פאָטער געגעבן צו זיין קינד אַ „באַלייכטונג" איבער דעם אַלעמען, וואָס הייסט גאָלדענבאַרגס גוט.

האָט מען די קינדערלעך ביי די וועגן געלאָזן, און אַליין איז מען אַריין דורכן אָפענעם טיר פון קיך אין הויז אַריין, די היטלען אַ וואָרף געטאָן אין אַ ווינקל און געזאָגט פריילעך און גוטמוטיק:

— גוטמאָרגן, פרוי גאָלדענבאַרג!

פרוי גאָלדענבאַרג, אַ קרעפּטיקע, מיטליאָריקע רונדע יידע־נע, מיט פאַרפלאַמטע, צוויק־רויטע באַקן, פון אַ מיטעלען וואוקס, מיט אַ הויכער ברוסט און רונדע, דיקלעכע הענט, איז געשטאַ־נען ביי דער קיך־אַרבעט. אירע הענט זיינען ביי דער אַרבעט געוועזן אָפּגעדעקט, און האָבן פון אַקסל אַרונטער צו די פלאַמען זיך גערונדעלט אַלץ דינער און שמאָלער. און אירע גאָר קליינע פינגערלעך האָבן נישט האַרמאָנירט מיט איר גאַנצן אויסזען. זי האָט פאַרמאָגט מאַט,שוואַרצע אויגן און אַ ים מיט האָר אויף

איר שיינעם קאָפּ. די האָר זיינען געווען דורכגעשפּרינקלט מיט גראָלעכע פעדעמלעך און פאַרקעמט אין אַ שווערן קיילעכיקן קוגל אויף הינטן.

זי איז געשטאַנען ביים ווייסן הילצערנעם קיכנטיש, געטאָן איר אַרבעט, געטראַכט פאַר וואָס זי האָט דבורהן היינט, אין צאָל-טאָג, געלאָזט אַרויסרייטן...

און ווען עמיץ איז אריין און געזאָגט „גוט-מאָרגן, פרוי גאָלדענבארג", האָט זי לייכט אַ דריי געטאָן מיט איר שטאָלצן קאָפּ, און מיט אַ פאַרנעמלעכן שמייכל געזאָגט:

— „גוטן מאָרגן, גוטן מאָרגן!"—תּמיד איבערחזרנדיק איר גוטענמאָרגן און פלעגט נאָך צומערקן:

איינעם:

— צוליב אייך, הער, איז היינט אַזאַ שענער טאָג.

אן אנדערן:

— בין היינט גריינעם אַרבעס געגאַנגען אָנקלייבן, האָט גאָט געגעבן אַ שיינעם טאָג.

אינעווייניק, אין דער גרויסער שטוב, וואָס האָט אויך גע-דינט פאַר אַן עסצימער, זיינען אַלע געזעסן און געוויכערט און גערעדט.

הער גאָלדענבארג איז געווען פאַרנומען אין זיין שרייב-צימער, פון וועלכן עס איז געווען אַן אָפענע טיר אין גרויסן צימער אריין. און ער איז ביים טישל געזעסן קעגנאיבער דער צעעפנטער טיר אַזוי, אַז ער האָט געקענט רעדן מיט אַלע אין דער גרויסער שטוב און עס זאָל הייסן, אַז ער זיצט צווישן זיי. כאָטש יעדער באַזונדער פלעגט זיך אויפהויבן שווער און אריינגיין צו אים, ווי אין אַ באַזונדערן חדרל, און מיט אים, ווי אויג אויף אויג, זיך צע-צאָלן.

און אַז אַלע האָבן זיך צערעכנט, האָט זיי הער גאָלדענ־
באַרג איינגעלאַדן צו בלייבן אויף מיטאָג. אויף פרוי גאָלדענ־
באַרגס אַן אָנבייסן האָט מען זיך נישט געלאָזן קיין סך בעטן.
מען האָט זיך איינגעוואַשן די הענט און פנימער, פאַרקעמט די
האָר פון קאָפּ, און פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיי אַרומבאַזעצט דעם
לאַנגן, פּיר־עקיקן טיש, עלטער נאָך עלטער. און הער עלקינס,
אַ נאָרוועג, וואָס איז געווען דער ערשטער נאָנטער שכן, האָט
געהאַט דעם חלק צו זיצן אין דער לינקער זייט פון הער גאָל־
דענבאַרג, אין דער רעכטער האַנט איז געווען דער פרוי גאָלדענ־
באַרגס אָרט, נאָך אַ ליידיקער. זי האָט מיט אַ פאַרפלאַמטן פּנים
אָנגעהויבן צו טראָגן צום טיש פון אַלץ, וואָס זי האָט אָנגע־
קאָכט און אָנגעבאַקן.

און אַזוי ווי דער טיש איז געווען באַזעצט אַרום און
אַרום, האָט מען אָן דבורהן מיט דעם פערד־יונג פאַרגעסן.

נאָכן עסן איז דער בעל־הבית פון הויז דער ערשטער אויפ־
געשטאַנען פון טיש. נאָך אים — די אַלע געסט, און אַלע האָבן זיך
מיט אַ גערודער צעזעצט ביי דער וואַנט אויף בענקלעך. גאָלדענ־
באַרג האָט אָנגעפילט זיין פּיפּקע און פאַרויכערט, אַרויסלאָזנדיק
געדרייטע וואָלקן רויך. די געסט האָבן געטאָן דאָס אייגענע, און
די גרויסע שטוב האָט זיך גענומען אָנפילן מיט רויך.

פרוי גאָלדענבאַרג האָט פאַרנומען פון טיש די געשיר און
פאַרמאַכט די טיר, טראַכטנדיק:

— שוין! די מענער האָבן זיך צערויכערט.

ביי די מענער האָט זיך שנעל פאַרבונדן אַ שמועס. מען האָט
גערעדט וועגן די פּרייזן פון ברויט אַמאָל און היינט, מען האָט גע־
רעדט וועגן פעלדער און אויך פון אייניקע לאָקאַלע אָנגעלעגנהייטן!

— האָט איר געזען מיין אַלפאַלפאַ? — פרעגט הער גאָל־דענבאַרג, — אַ טייערע גראָז איז עס... איינמאָל פאַרזייט און עס וואַקסט אַליין פון זיך צוואַנציק יאָר.

— וואו, דאָרטן אויף דער פלאַכע אין דרום זייט פון „קאַ־רעל״? — פרעגט איינער פון די געסט.

— הא, האַ, — שאָקלט הער גאָלדענבאַרג מיט זיין קאָפּ, — עס איז מיר אָנגעקומען זייער שווער. אָבער איצט האָב איך עס. דאָס גראָז איז צוואַנציק מאָל בעסער פון אַלע אַנדערע גראָזן.

— צוואַנציק יאָר וואַקסט עס פון איינמאָל פאַרזייען?!

— יעס, סיר! איך האָב עס עטלעכע מאָל געפּרוווט אויף אַנדערע פלעצער און עס האָט נישט אָנגענומען. איצט אָבער האָב איך געפונען אַ גוט שטיק ערד פאַר מיין אַלפאַלפאַ.

— איז עס גוט פאַר פערד?

— אַ פראַגע? איך דענק נאָר פאַר מיינע יונגע יאָריקע פערדלעך וועל איך געבן אַלפאַלפאַ, זיי זאָלן וואַקסן בעסער.

מען איז געזעסן און געלאָזט דיקע וואָלקן רויך און מיט הכנעה זיך איינגעהערט אין דעם יידנס רייד, נישט ווייל זיי זיינען אים שולדיק געווען, נאָר ווייל עס איז געווען אַ נייע תורה פאַר זיי: „גראָז וואָס וואַקסט צוואַנציק יאָר פון איינמאָל פאַרזייען״.

עס זיינען דאָ געווען קינדער פון פעלקער, וועלכע האָבן געהאַט דעם זכות צו האָבן אייגענע לענדער און ערדן. די ערד האָבן זיי ליב פון דור דורות. און זיי הערן זיך איצט איין צו די רייד פון הער גאָלדענבאַרג, וועלכער איז פון ערגעץ געקומען צולויפן, וואו ער האָט קיין ערד נישט געהאַט און אַפילו נישט געחלומט צו האָבן; זיי הערן אים אויס און באַוואונדערן אים.

נאָר איינער איז דאָ געווען — הער עלקינס — דער

באַנטסטער שכן, וואָס האָט נישט געוואָלט זיך איינהערן אין גאָלדענבאַרגס רייד.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, עפּעס אָפּגעמורמלט און אַנטשולדיקונג, און איז אַוועק אַ היים. ער איז אַהיים געגאַנגען צו־פוס. דאָס איז ביי אים געווען אַ געוויינהייט. און גייענדיק, האָט ער פיל געטראַכט וועגן גאָלדענבאַרגן, דעם יידן, מיט זיין אַלפאַלפאַ.

און עס איז אויפגעשוואומען ביי אים אין האַרץ אַ מאָדנער געפיל צו זיין יידישן שכן און צו זיין איינגעפונדעוועטער היים. עלקינס האָט אויך געהאַט אַ גוטע היים. ער איז געקומען אין דער ווייטער וועסט פריער פאַר גאָלדענבאַרגן. עס איז אָבער געווען נישט דאָס... נאָך מערער: ער, עלקינס, האָט זיינע אייגענע צוויי זין, און אַז מען דאַרף נויטיק אַ טשוואָק, מוז מען אַרומזוכן אין אַלע קאַמערן און מען געפינט נישט. מען ווייסט, אַז עס איז ערגעץ דאָ טשוועקעס, אָבער מען קען זיי נישט געפונען.

— און ביי דעם יידן גאָלדענבאַרג שיינט אַלעס. און אַ יעדע זאַך האָט איר פּלאַץ, — טראַכט עלקינס מיט פאַרדראָס.

אַ פּאָר יאָר נאָך גאָלדענבאַרגס באַזעצן זיך דאָ אין דאַקאָטאַ, איז זיין גוטע פרומע ווייב ביי אים אַוועקגעשטאָרבן, און ער איז געבליבן מיט זיינע צוויי בחורים: דער עלטערער, הענריק, איז פון דעמאָלט פאַרבליבן דער הויז־מענטש, דער קיך־מענטש; דער צווייטער, יאָהאַן — אַ פרייער פויגל — נישט אין הויז און נישט אין פעלד. תמיד לויפט ער אַרום אויפן פערדל און דער טייוול ווייסט אים, וואו ער גיט אַוועק זיינע טעג...

דער אלטער עלקינס גיט זיך שטענדיק אָפּ מיט זיין פעלד־אַרבעט, און ער ווייסט, אַז אַ היים קומענדיק, וועט ער שוין געפינען פאַרטיק זיין מאָלצייט. הענריק איז אַ גוט קינד... ער

קאַכט פּאַר איִם אָן אַ סך בּולבּעס מיט חזיר שמאַלץ, און יאָהאַן העלפט אים בלויז ווען נישט ווען אין פעלד. צו די חזרים אין שטאַל לאָזט דער אַלטער עלקינס יאָהאַנען נישט צו, ווייל ער בּריקעט זיי אין בּויך אַריין. און אַז אָך און וויי איז צו דער אַרבּעט, וואָס יאָהאַן טוט שוין אַמאָל אין פעלד! ס'פערדל מוז שטענדיק שטיין אָנגעגרייט מיטן זאָטל און וואַרטן אויף איִם בּיים וועג. דאָס קאַפּעלושל טראָגט ער אויף אַ זייט און תּמיד טוט ער זיין אַרבּעט אין הענטשקעס.

דער אַלטער עלקינס קען נישט צוקוקן אַזאַ אַרבּעט.

נאָך פון זיין אַלטער היימאַט איז ער געוויינט אַרויסצובּאַקומען דאָס שטיקל בּרויט מיט די הוילע פאַרשטיינערטע הענט. און דאָ, אויף די בּרייטע און וויטע פּרעריס, קאָן ער זיך נישט צוגעוויינען צו אַנדערע וועגן.

ער, עלקינס, האַסט מאַשינען... ער גייט וואָס מערער צו פוס, אַפילו נאָכן אַקער-אייזן, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צו פאָרן מיט אים.

און אין פרילינג — יאָהאַן באַשליסט זיך אויסצוהעלפן זיין פאָטער. ער שפּאַנט איין זייערע פיר פערציראַנער פערד אין דעם בּערעדעלטן אַקער, וועלכער שניידט דריי פאַכן מיט איין גאַנג, און ער לאָזט גיין די פערד געלאַסן און גלייך מיט דער גאַנצער לייִנג פון פעלד. ער זיצט זיך אויפן זיץ, און שטיל און רויִק קוקט צום פאָרנט, אַז דער דישל זאָל זיין אין אַ גלייכע ליניע מיט דעם מיטעלסטן פאַך פון דער נאָר וואָס איבערגעקערטער ערד. שטעלט זיך בּיים זוים פון פעלד דער אַלטער עלקינס און באַקוקט זיין יאָהאַנען, וואָס זיצט זיך מיט דעם בּרייט-בּרימיקן ווייסן קאַפּעלוש, און אין האַרץ ביי אים פלאַקערט אויף אַ פאַרדראָס צו דעם טייוול, וואָס האָט די מאַשינען אויסגעטראַכט.

ער האָסט זיי, די מאַשינען... און הער גאָלדענבאַרג האָט זיי ליב...

יאָהאַן האָט אויך ליב מאַשינען. ווי ער זיצט זיך אויף דעם אַקער. דאָס רייצט ער זיך מיט מיר, דער טייוול!

אַזוי טראַכטנדיק, איז זיך דער אַלטער עלקינס אָנגעקומען ביז צום זוים פון זיין פעלד, איבער וועלכן זיין זון, יאָהאַן, האָט טאַקע גראד איצט מיטן אַקער געשניטן לאַנגע שוואַרצע פּאַסן. אָט איז אַ מעסער פון אַקער אָפּגעשפּרונגען פון דער ערד. יאָהאַן קימערט זיך נישט. אַרויסגעשטויסן, און פאַרפאַלן... לויפט ער, דער אַלטער, אַנטקעגן. זיין האַרץ זידט מיט האַס, און ער צעשרייט זיך אויף יאָהאַנען:

— זיצט זיך ווי אַ קיסר אויף זיין טראָן!...

און ער כאַפּט אַרויס פון יאָהאַנען די לייצעס. זיין זון שפּריגט אַרונטער פון אַקער-זיץ. דער אַלטער עלקינס פאַרגינט זיך נישט צו זיצן, נאָר ער נעמט טרייבן די פערד מיט האַסט און שפּרייזט פון הינטער דעם אַקער.

און די פערד ווייסן נישט וואָס פריער צו טאָן: צי זאָלן זיי גיין פאָרווערטס, צי זאָלן זיי דאָ אַ דריי טאָן אויף צוריק.

יאָהאַן באַמערקט עס און טוט אַ שמייכל.

— דער אַלטער שטופּט דעם אַקער מיט זיין ברוסט!...

און ער רופט זיין אָנגעזאָטלטן פערדל צו זיך. דאָס פערדל קומט צולויפן. ער כאַפּט זיך אַרויף אין זאָטל אַריין און פליט אַוועק מיט אַ סקאָסנער ליניע צום וועג, און אַ זייל פון שטויב בלייבט הינטער אים.

דער אַלטער האָט געענדיקט דעם וועג, אַרונטערגעגאַנגען נאָך אַמאָל צוויי און צוריק געקומען צום ברעג, וואו דער וואָגן איז געשטאַנען. ער האָט אַ קוק געטאָן צו דער זון.

— שוין צייט!

ער הויבט אַרויס די אַקער-מעסערס פון דער ערד זייער הויך, און פּאָרט צו ביז דעם וואָגן, וואָס שטעט אָן אַ זייט פון פעלד, נעמט אַרונטער די צוימען פון די פערד, און ביים אויפ-ביגדן די לייצעס שעלט ער זיין זון יאָהאַן, וועלכער מאַכט זייגע אייגענע קניפּן...

נאָכדעם בלייבט דער אַלטער שטיין אַ ווײַלע, קוקט מיט זייגע פאַרגאָסענע גרויע אויגעלעך אויף דעם דריי-פּאַכיקן אַקער, וועלכער איז אויסגעאָסן פון שטאָל. אים קומט אַרויף אויפן גע-דאַנק דער אַקער ביי זיין פאָטער אין דער אַלטער היים. געמאַכט איז ער געווען פון האָלץ און נור אַ שטיקעלע אייזן ביים שפּיץ פון מעסער. עס איז געווען לייכט אי פאַר דער בהמה אי פאַרן מענטשן. היינט האָבען די טייוואָלים אויסגעטראַכט אַ מאַשין, וועלכע פיר פערד שלעפּן שווערלעך, און דו זיצסט זיך אויפן זיץ ווי אַ קיסר...

און זיין זונדל, יאָהאַן, רעדט אים נאָך צו, אַז ער זאָל קויפן אַ גאַזאָלין מאַשין מיט צען אַקער-מעסערס. ניין, דאָס פועלט ער ביי אים נישט. דאַן ווען אי דער מענטש אי די בהמה נישט האָבען וואָס צו טאָן... דער טייוול וועט שוין פאַרזאָרגען אַלעס... אָבער גענוג. היינט האָט ער דעם יידן אָפּגעצאָלט די לעצטע שולדן; מער וויל ער מיט אים נישט האָבן צו טאָן. נאַ דיר נאָך אַ נייע זאַך — אַלפּאַלפאַ! ניין. גענוג מיט די טייוולשע אויסטראַכטונגען!

ווער ווייסט, וואו מען וועט אונז נאָך אַוועקשלעפּן..

צוערשט, ווען דער ייד גאָלדענבאַרג איז אַרונטערגעקומען אין דער ווייטער וועסט, פלעגט ער אים זייער אַכטן. אים העלפן מיט ראַט און טאַט. דער ייד האָט אים צוריק אָפּגעדינט. מען

איז געווען שכנים, און ער איז אַ געזונטער אַרבעטער, דער דאָזיקער ייד... אַט זייגען דאָרט זיינע פעלדער מיט ברויטן און פאַרזייטע גראָזן — דער ייד איז אַ ווירט!

אָבער פאָרט אַרונטער פון וועג — האָט שוין פליי אין דער גאָז — „אַלפאַלפאַ!...״

און מאַכט די יונגע שנעקעס אונזערע פאַר טויגעניכטצן...

ז

יאָהאַן עלקינס פלעגט אַמאָל, אין אַ שבת, הער גאָלדענבאַרגס רו-טאָג, קומען צו-רייטן, איבערלאָזן זיין פערדל פאַרן הויז, און אָפּזיצן מיט דעם יידן לאַנג.

ער פלעגט זיך דאָרט גוט אָנלייענען אין די זשורנאַלן און ציייטונגען, וועלכע דער ייד פלעגט האָבן פון פאַרשיידענע ערטער.

נאָכדעם אַהיים קומען און תמיד עפּעס בייעס ברענגען זיין פאָטער.

— פוילענצער, ווי דו, האָבען נישט וואָס צוטון און טראַכטען אויס גייקייטן... — פלעגט דער אַלטער עלקינס אויסהערן און זיך בייזערן.

אָדער ער פלעגט אַזוי זאָגן צו יאָהאַנען:

— האָסט זיך שוין ווייטער מיט עפּעס אָנגעשמעקט ביים יידן...

און דאָס וואָרט „יידן״ האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, אַז עס האָט געהייסן: מיין פאָטער האָט דעם יידן נישט ליב געהאַט, און איך האָב אים נישט ליב, און דו דאַרפסט אים נישט ליב האָבן...

יאָהאַן פלעגט אָבער, טראָץ זיין פאָטער, נישט נור לעזן

רי זשורנאַלן, נאָר אויך שמועסן און פאַברענגען ביי הער גאָל־דענבאַרגן אין הויז.

דער לעצטער האָט אים כמעט ליב געהאַט, דעם קלוגן יאָ־האַנען מיט זיינע בלויע אויגן.

און ווען הער גאָלדענבאַרג האָט דאָס ערשטע מאָל זיך איינגעקויפט אַ שנייד מאַשין מיט אַ בינדער־קאָמבינאַציע, האָט ער יאָהאַנען אַרויסגעפירט און אים געוויזן די מאַשין און אים געגעבן צו פאַרשטיין, ווי די וואַלצן קייקלען אַריין די שטרויע־לעך. און ווי אינעווייניק איז דאָ צוויי שטאָלענע הענט, וואָס כאַפּן אַרום די שטרויעלעך און מאכן פון זיי אַ בינטל, און ווי דאַן קומט אַרויס פון אַ פלאַץ די נאָדל מיטן שטריקעלע און פאַר־בינדט עס פונקט אין דער מיט, און ווי אַזוי נאָכדעם פאַלט אַרויס אַ שטאַרקער סנאָפּ צו דער ערד.

יאָהאַן פלעגט צעעפענען זיין מויל און שלינגען גאָ דענ־באַרגס ווערטער, און אים נאָך מער ליב באַקומען. און זיך פאַר־שאָלטן, פאַר וואָס גאָט האָט אים ניט אַרונטערגעשיקט פאַר אַ זון צו אַזאַ מאַן ווי הער גאָלדענבאַרג.

— מיט אייך וואָלט איך אויסגעקומען... — פלעגט יאָהאַן שמייכלען צו גאָלדענבאַרגן. — וואָס ביי מיין פאָטער גייט אַוועק און עס ווערט צערינען, וואָלט אַן אַנדערער דערפון רייך געוואָרן.

— עך, עך, ווען איך האָב, ברודערל, אַ זון!...

און ווען דבורה איז אַרונטערגעבראַכט געוואָרן, פלעגט יאָ־האַן קומען צו רייטן אָפטער.

און צוליב דבורהן און צוליב זיין ריטערלעכקייט, פלעגט ער אָפט אַ העלף טאָן גאָלדענבאַרגן. און פרוי גאָלדענבאַרג האָט גאָר ביי יאָהאַנען געהאַט גרויסע פּריווילעגיעס.

און ער האָט זיך געשעצט הימל הויך, אַז אין זיין אנווע־

וענהייט פלעגט דבורה וועלן נעמען די עמערס און גיין צום ברונעם נאָך וואַסער. ער פלעגט דאַן זיך אַ כאַפּ טאָן און אַריינ־ברענגען צוויי פולע עמערס מיט וואַסער, מיט אַ הייליקער תמימות אויף זיין פנים.

און יאָהאַן האָט געליבט גאָט, וואָס ער האָט זיך דערלעבט אַ זכות, אַז דבורה זאָל צו אים אַ וואָרט אויסרעדן. זי פלעגט אים גרויס־שטעטיש דאַנקן פאַרן גאַנג.

און זי פלעגט אַמאָל דערציילן פון שטאָט־זאַכן, אַפילו נישט דירעקט אים אַליין, נאָר אויך צו פרוי גאָלדענבאַרג, ער אָבער פלעגט דערביי הערן ווי דבורה רעדט פון שטאָט. און דבורה האָט געהאַט אַ סך זאַכן פון שטאָט צו דערציילן, און ער פלעגט הערן און טרוימען צו זיין אַמאָל אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט:

אין דער גרויסער שטאָט טרעפט, אַז פ י ר מיידלעך שפּאַצירן מיט א י י ן בחור...

דערווייל איז געווען אין דבורהס בייבער אַזוי פיל פון גרויסן שטאָט, אַז דער ריטערלעכער יאָהאַן וואָלט פון אירן אַ וואונק צו דער זון און הימל אַרויפגעריטן...

ח

צוריק מיט צוואַנציק יאָר איז הער גאָלדענבאַרג אַ יונגער און מיט ליידיקע הענט געקומען אין דער ווייטער וועסט.

זיין יונג ווייבל, רחל, האָט ער געלאָזן אין דער גרויסער שטאָט.

זי האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל זיך „נעמען צייט״, און ווען ער וועט שרייבן, אַז ער האָט געפונען דאָס, וואָס איז גוט, וועט זי אויך אַרויסקומען.

געקומען איז ער אין די דאַקאָטאַס און האָט זיך אויסגע־

קליבען אַ „האָמסטער”, וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט און זעכציק אַקער לאַנד, אויף וועלכע קיין מענטש האָט נאָך נישט פון אוראַלטע יאָרן זיין פוס געשטעלט.

ער האָט זיך אויסגעקליבן דאָס שטיק לאַנד מחמת פילע טעמים:

ערשטנס, האָט זיך עס געצויגן איבער אַ ברייטער פלאַכע, און צו צפון־זייט איז געשטאַנען אַ הויכער, ברייטער בערגל.

צווייטנס, איז אין דער מיט פון דעם לאַנד אַ טייכל געפלאָסן.

און דריטנס, איז טאַקע דאָס לאַנד אַ פעטע און מיט טי־פע גראָזן... און נאָך און נאָך טעמים אָן אַ שיעור, און ער האָט עס ליב באַקומען.

און איינער אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די ברייטע שטחים און געטראַכט און געמאַכט זיינע פּלענער. אָט איז ביי אים געבליבן צו בויען דאָס הויז ביים טייכל, איז אָבער געקומען אַן אַנדער פּלאַן, אַז עס וואָלט בעסער געווען אַוועק־צושטעלן דאָס הויז ביים פוס פון בערגל. וואַסער וועט שוין זיין, און דערפאַר וועט עס וואַרעמער זיין ווינטער, פאַרשטעלט פון די ווינטן.

און אין יענעם טאָג, וואָס מען האָט אים די פּאַפּירן אין רעגירונגס־שטיבל געגעבן צום אונטערשרייבן און אים אָנגעזאָגט פון די פאָדערונגען: אַז ערשטנס זאָל ער בויען אַ הויז, און צווייטנס — גראָבן אַ ברונען, און דריטנס: צו אַקערן פינף אַקער לאַנד און זיי מיט עפּעס פאַרזייען, און פערטנס, וואָס דאָס איז דאָס וויכטיקסטע: ער זאָל זיך אויף דער ערד אַליין באַזעצן און עס מאַכן פאַר זיין אייגענע היים, — האָט גאָלדענבאַרג צו אַלעס געשאָקלט מיט זיין קאָפּ און געשוויגן.

ער האָט נישט געקאָנט זאָגן דאָס, וואָס עס האָט זיך אים גע־וואָלט זאָגן פון זיין טיפן האַרץ אַרויס. נאָר שטום האָט ער די פּאַפּירען געחתמעט.

ער האָט באַלד זיין רחלען געשריבן קורץ און פריילעך:

„טייערע רחלע, אַ גוטן שטיק לאַנד גענומען... גרייט זיך אין וועג. איך נעם זיך שוין בויען"...

און אַזוי ווי ער האָט עס נאָר אָװעקגעשריבן זיין ליבער פרוי, האָט ער שוין זיך דערפילט אויף דער נאַקעטער פּרערי ווי אין דער היים.

ער איז אַוועק צו דעם נאָענסטן שכן הער עלקינס, וועל־כער האָט שוין דאַן געהאַט צוויי פערד און אַ גוטע ווירט־שאַפט, און זיך מיט אים באַקענט.

— וואָס קען איך טאָן פאַר אייך? — האָט יענער היימ־לעך געפרעגט.

— איך וויל אַפריער טאָן פאַר אייך אַן אַרבעט, און דאַן זאָלט איר מיר צוריק אָפּהעלפן, — האָט גאָלדענבאַרג געענטפערט.

עלקינס האָט זיך באַליידיקט:

— ביי אונז גייט עס אַנדערש... מען רעכנט זיך נישט. נור וואָס איר דאַרפט, וועל איך מיט פאַרגעניגן טאָן פאַר אייך, און אַז איכל דאַרפן וועט איר, גלויב איך, אויך טאָן עפּעס.

— איך וועל, איך וועל, — האָט גאָלדענבאַרג געמורמלט, און נישט פאַרשטאַנען דעם חילוק.

און צוערשט איז עלקינס מיט אים געפאָרן אין שטעטל אַריין און זיי האָבן געבראַכט אַ פולן וואָגן מיט ברעטער, און שינדלען, און אַנדערע בויטיקע מאַטעריאַלן.

און גאָלדענבאַרג האָט שוין געמוזט בעכטיקן און קעסט

עסן ביי עלקינסן. פרוי עלקינס האָט נאָך דאַן געלעבט, און זי האָט צוליב דעם נייעם שכן אַן עוף געהרגעט און פאַר אים גע־בראָטן פלייש מיט בולבעס.

— זייט איר דאָך אַ „דזשו״ און איר טאָרט נישט עסן קיין חזיר... — האָט זי פילבאַדייטנד געזאָגט.

אויף דעם דריטן טאָג איז הער עלקינס אַרויסגעפאָרן מיט זיין אַקער און פערד און פאַר גאָלדענבאַרגן צעאַקערט אַ שטח לאַנד. ער האָט עס געטאָן אַ פאָר טעג נאָכאַנאַנד, ביז ער האָט צעאַקערט אַן ערך פון פינף אַקער ערד.

דערווייל האָט דער ייִד גאָלדענבאַרג מיט זיין איינגעקויפ־טער האַק ערגעץ אין אַ טיפן טאָל ווערבעס אָנגעהאַקט און זיי געבראַכט צו טראָגן אויף זיינע אַקסלען און זיי אַוועקגעלעגט אין אַ סטויס נאָענט פון דעם פלאַץ, וואו ער האָט געוואָלט בויען דאָס הויז. און אַז ער האָט געהאַט אַ סך קלעצלעך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און זיי צוהאַקט אין קליינע שטיקלעך שפענדלעך.

און עלקינס איז מיט אים ווייטער אַוועק אין שטעטל. און זיי האָבן געבראַכט אַ וואָגן מיט בולבעס־זריעה. עס איז נאָך נישט געווען שפעט צו פאַרזעצן קאַרטאָפל.

און עס האָט באַלד אָנגעהויבן צו גיין זיין נאָמען פון איין מויל צו אַ צווייטן.

פלעגט אַ שכן אַדורכפאָרן און זען די קופּקע מיט די שפענער, וועלכע האָט זיך געוויסט פון ווייטנס און דאָס צעאַקער־טע שטיק לאַנד, פלעגט ער עס דערציילן אין שטעטל.

און אַז מ'האָט די בולבעס פאַרזעצט, האָט עס גאָלדענבאַרג געטאָן מיט גרויס כוונה און פלייסיק די צעשניטענע שטיקער זריעה געלייגט מיט דער שאָלעכץ אַרויף.

דאָס, און דער וועג ווי ער האָט עס געטאָן, איז עלקינסן

שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט עס דערציילט פאַר שכנים און אין שטעטל.

און שפּעטער, מיט אַ וואָך נאָך איידער די בולבעס האָבן באַוויזן אָנצוהויבן אַרויסצוקומען פון דער ערד, האָט אים על־קינס געהאָלפן אויפשטעלן די ערשטע פאַרמען פון דעם הויז.

גאָלדענבאַרג איז דעמאָלט צוגעפאַלן צו עלקינס העגט און זיי געגנומען קושן און אַ.יין נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן דעם „גוי", וועלכער האָט אים אַזוי פיל אַרויסגעהאָלפן.

און עס איז אַוועק זיין אַרבעט מיט אַ סדר.

מיט זון־אויפגאַנג פלעגט ער אָנהויבן בויען דאָס הויז. איינער אַליין האָט ער זי געבויט. און מיט זון־אונטערגאַנג האָט ער די אַרבעט פון הויז אַוועקגעלעגט און זיך אַ נעם געטאָן צו די בולבעס, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון דער ערד אַרויס, מיט צוויי און מיט פיר בלעטלעך, און זיי גערייניקט קעגן לבנה־שיין פון די יונגע קרייטעכער.

האָט מען עס דערציילט אין שטעטל און דער ייד האָט באַקומען אַ נאָמען אַ גוטן און מען האָט אים שוין געשאַצט אין גרויסע געלטן, און מיט אַ גוטע היים.

און העט שפּעטער, ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם הויז, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פיר־עקעדיקן צימער מיט אַ קליינער קיך און אַן איווון פון שטיינער, און אַז ער האָט שוין אויסגעגראָבן דעם ברונעם און אים קיילעכיק אויסגעלעגט מיט שטיינער, אַז די שכנים זיינען געקומען קוקן אויפן וואונדער, האָט גאָלדענבאַרג געשיקט נאָך זיין פרוי.

דעם ערשטן טאָג וואָס הער גאָלדענבאַרג האָט זיין פרוי אין דער ווייטער וועסט אַראָפּגעבראַכט, האָט ער זי אַרומגעפירט

איבער די פלאַכעס און בערגלעך און בערג און טאָלן פון זייער גייער היים.

און לאַנג זיינען זיי געשטאַנען ביים פעלד פון בולבעס. רחל האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון דער זויבערקייט, וואָס איז געווען צעשפּרייט איבער די רייען מיט די הויכע און ברייט צעוואַקסענע שטאַמען פון די טונקל־גרינע בולבע־פלאַנצן.

און אַז זי איז דאָרשטיק געוואָרן פון אַרומגיין, האָט ער זי אַוועקגעפירט צו דעם ברונעם און אַן עמער וואַסער פאַר איר אַרויסגעצויגן. זי אָט געטרונקען און זיך אָפּגערוט און ווייטער געטרונקען און געקוויקט זיך אין טיפענישן פון איר האַרץ.

און אַז זיי זיינען נאָכדעם אַרויף אויף אַ הויכן באַרג און אַ קוק געטאָן פון דאָרטן אויף דעם אַלעס, וואָס האָט געהייסן „זייערס" און וואָס הער גאָלדענבאַרג האָט מיט די הוילע הענד אין אַזאַ קורצער צייט אויפגעטאָן, האָט זיך רחל דערפילט, ווי זי וואָלט פון אַן אָרעמער שטוב אַרויסגעגנבעט געוואָרן און פון אַ בן־מלך אין זיין פּאַלאַץ אַריינגעבראַכט געוואָרן.

צו אָוונט צו זיינען די שכנים פון דעם נאָענטן אַרום און אַרום זיך צוזאַמענגעקומען.

זי האָט דערפילט, אַז עס איז קיין אַנדערע יידן צווישן זיי נישטאָ. זי איז דאָ די איינציקע יידישע טאָכטער... און אַ צער האָט לייכט איר האַרץ אָנגעקלאַפּט...

זי איז נאָך דעמאָלט גאָר יונג געווען.

גאָלדענבאַרג האָט מיט איר התונה געהאַט אין ניו־יאָרק, ווי זי איז געווען—„אַן איין קליידל", דערפאַר וואָס זי איז שוין געווען און כמעט אויסגעוואַקסן אין אמעריקע,

און דאָך האָט זי, זייענדיק אַליין אַ שטיק „יענקי", זיך געפילט אַביסל אומהיימלעך צווישן דעם געמישאַכץ פון די שכנים.

יענע האָבן עס גאָרנישט באַמערקט. מען האָט איר אין גיכן אויף דעם ווייבערשן שטייגער דערציילט פון די געוויינ־הייטן און פיראַכצן אין דער ווייטער וועסט.

רחל האָט אַלץ אויסגעהערט, און באַשיידן דאָ א שמייכל געטאָן און ביי אַן אַנדער געלעגנהייט זיך געוואונדערט.

ווייט איז, יענע לאַנד און ברייט, נאָר אַז איינער פאָרט אין שטעטל אַריין, פוילט ער זיך נישט אָפּצושטעלן ביי אַ שכנס הויז און אָנקלאַפּן אין טיר און די פרוי פון הויז קומט ארויס און מען דערציילט איר, וואָס עס האָט געטראָפן דאָ און דאָרט. און אַזוי ווערט עס איבערדערציילט פון הויז צו הויז און זייער גיך.

דאָס אָנקומען פון פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיך צעטראָגן זייער שנעל איבער דער פּרעריע און עס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין גאָלדענבאַרגס פּאָלקאָמענעם ערפאָלג.

הער גאָלדענבאַרג האָט אין גיכן געקויפט צוויי פערד און אַ לאַנגן גרינעם וואָגן, און אַ שנייד־מאַשין און נאָך און נאָך — דאָס אַלעס האָט מען אים געבעטן צו נעמען אויף באָרג.

און האָט ער דאָך געהאַט בטחון צו באַצאָלן, האָט ער גע־נומען דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפט.

און דאָס ערשטע האָט ער זיין אייגענע „היי" געשניטן. דאָס גראָז איז געווען טיף ביז דעם האַלז אַריין. טויזנטער יאָרן, אַז דאָס לאַנד איז געשטאַנען און עס האָט יאָר־איין, יאָר־אויס גע־וואַקסן פון זיך אַליין. און דער לאַנגער ווינטער מיט די טיפע שנייען פלעגן עס אַוועקלעגן און עס האָט געפוילט, און די ערד איז פעטער געוואָרן און וואָס אַ יאָר בעסערע גראָזן אַרויסגעגעבן.

האָט זיי הער גאָלדענבאַרג געשניטן און זיין פרוי איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט אַ הילצערנעם גאָפּל. און פון ווילדע

צו ווײַלע, אַז די מאַשין האָט זיך פֿאַרשטאָפּט פֿון די טיפֿע גראָזן, האָט זי באַדאַרפֿט מיטן גאָפּל עס אויסרייניקן.

און אַז עס איז געקומען צו מאַכן די סטויגן און אַרײַנפֿירן דאָס היי צום סטויג, האָט פֿרוי גאָלדענבאַרג אַ רויטן טיכל אַרום האַלדז אָנגעבונדן, אַ ברייט־ברימיקן שטרוי־הוט אָנגעטאָן און איז אַרויס צו העלפֿן איר מאַן.

זי איז געשטאַנען אין וואָגן און ער האָט דערלאַנגט פֿון קופּקע.

דערבײַ האָט זי באַמערקט: אַז בשעת ער נעמט אַ גאָפּל היי, דאַכט זיך איר, אַז עס וואָלט בעסער געווען, ווען ער זאָל טון ווי די פֿרוי טוט בשעת זי פֿאַרקעמט אירע לאַנגע האָר: אַפֿריער זאָל ער אַרומנעמען מיטן גאָפּל פֿון אַלע זײַטן די צעפֿאַלענע עקן פֿון דאָס היי און זיי צוזאַמענברענגען אין דער מיט פֿון קופּקעלע און דאַן וועט ער קענען אַרויפֿנעמען די גאַנצע קופּקעלע און אײן היי זאַנג וועט נישט גיין פֿאַרלוירן.

גאָלדענבאַרגן איז דאָס שטאַרק געפֿעלן געוואָרן און שמייכלענדיק פֿון דעם ווײבערשן אײַנפֿאַל, פֿלעג ער אַ נעם טאָן מיט זײַן גאָפּל די קופּקע היי און עס אַ הויב טון אין דער הויך איבערן זוים פֿון וואָגן און מיט איטלעכן הויב פֿלעג בײַ אים אַרויס אַ מאָדנער קלאַנג פֿון צווישן זײַנע ליפּן.

און בײַם סטויג פֿלעגן זיי זיך בײַטן. זי פֿלעג שטיין אין וואָגן מיטן היי און אים דערלאַנגען צום סטויג. גאָלדענבאַרג פֿלעגט עס אַ כאַפּ טון פֿון איר גאָפּל און געשיקט אַוועקלייגן איטלעכן בונט היי אויף אַן אַנדער אָרט.

דערבײַ האָט ער באַמערקט: אַז דער וואָס דערלאַנגט היי צום סטויג באַדאַרף אין זינען האָבן, אַז זײַן גאָפּל זאָל תּמיד פֿאַלן מיט די ציינער אַרונטער, בכדי די היי זאָל גרינגער אַראָפּ.

זי האָט שוין פּאַרטיק געהאַט אַ ווערטל:

— וואָס צו מענער און וואָס צו ווייבער.

גאָלדענבאַרג האָט די סטויגן געבויט מיט דער לאַנגער זייט צו דעם הויז, עס זאָל דאָס הויז פּאַרשטעלן פון די ווינטערדיקע צפון ווינטן.

צוגעדעקט האָט ער זיי מיט אַ שמאָלן, שאַרפן, משופּע־דיקן שפּיץ, דער רעגן זאָל אַרונטעררינען גיכער און דאָס היי זאָל נישט פוילן.

עס איז געלעגן גאָט ברכה אין דעם היי און אַזוי אויך אין דעם פעלד פון בולבעס.

פון יעדער ריי בולבעס האָבן זיי אויסגעגראָבן צען זעקלעך.

און עס איז געקומען צו פאָרן אַ סוחר, און אַז ער האָט דערהערט, אַז גאָלדענבאַרג האָט טויזנט זעקלעך בולבעס, האָט ער אָנגעבאָטן אַ דאָלאַר פאַר אַ זעקל אויפן אָרט.

גאָלדענבאַרג האָט פאַרקויפט, און די געלט אין באַנק אַריין, פון שטעדטל, אַוועקגעפירט.

דאָס שטעטל האָט זיך געוויגט.

און דאָס ערשטע האָט ער באַצאָלט אַלע זיינע חובות און האָט אָנגעהויבן צו בויען אַ שטאָל פאַר זיינע פערד. און גע־קויפט אַ קו, עס זאָל זיין די גלאָז מילך אין הויז.

און אַזוי איז דאָס אַוועק יאָר־איין יאָר־אויס.

און אַז גאָלדענבאַרג האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט גע־זען, אַז עס איז נאָך דאָ גענוג פרייע לאַנד אַרום. און אַרום, האָט ער אויסגעקליבן אַן אַנדער שטח לאַנד, וועלכעס גרענעצט זיך מיט זיינעם און פרוי גאָלדענבארג האָט זיך געחתמעט אויף די רעגירונגס פאַפירן, אַז זי וויל עס פאַר אַ היים פון אירע וועגן.

אַלע האָבן זיך אַזוי בוהג געווען, פאַר וואָס זאָל ער זיין אַן אויסנאַם?

און מען האָט איר געגעבן דאָס דאָזיקע שטח לאַנד, נאָך די געזעצן פון יענעם געגנט. און זייער ערד איז פאַרטאָפּלט געוואָרן.

און נאָך דעם איז פון יענעם שטאָט געקומען אַ רעגירונגס מענטש און צוזאַמענגענומען אַלע לאַנד-באַזיצער אויף אַן אסיפה און זיי מודיע געווען, אַז:

„ווער עס וועט אויף זיין לאַנד אַן אַקער ערד מיט ביי-מער פאַרפלאַנצן, מעג זיין פרוכט, מעג זיין פשוטע וואַלד-ביימער, דעם מענטשן, וועט די רעגירונג שענקען נאָך אַמאָל אַזוי פיל לאַנד, וויפיל ער באַזיצט". —

ווער האָט נישט געפלאַנצט קיין ביימער

גאָלדענבאַרג האָט אין נאָרד-וועסט ווינקל פון זיין לאַנד-גרענעץ געפלאַנצט עטלעכע רייען מיט מייפל-ביימער, און זיין לאַנד האָט זיך דערוויל נאָך אַמאָל געטאָפּלט און טאַקע דער-פאַר איז זיין רעמענענט גרעסער געוואָרן און ער האָט שוין אַליין נישט געקענט פאַרטיק ווערן און באַדאַרפט האָבן אַן אַרויסהעלפער.

פלעגט ער ברענגען פון דער גרויסער שטאָט ניו-יאָרק אַ יונג אַ שטאַרקן און אַ יידן, ווייל אויף א גוייִשן יונג קען מען זיך נישט פאַרלאָזן, אַז ער „צעטרינקט" זיך... האָבן זיך אָבער די יידישע יונגען נישט געהאַלטן לאַנג: אָפּגעווען אַ יאָר, פאַרבייגקט זיך צוריק אין שטאָט און איז אַוועק.

ביז נאָט האָט פאַר אים צוגעשיקט דעם בחור אייזיק, וועל-כער אַרבעט מיט אַן ערלעכן פלייס, און ווי אַן אייגענער.

ט

אויף דעם באַשטימטן הויכן באַרג איז דער פּערד-יונג גע־שטאַנען און געוואַרט אויף דבורהן. די זון איז שוין געווען אי־בער זיין קאָפּ, און געשיקט גלייכע שטראַלן איבער פעלד און גראָזן.

— וואָס וועט זיין — האָט דער פּערד-יונג אַ טראַכט גע־טאָן, — אין הויז וועט מען דאָך נישט וויסן, וואָס צו טראַכטן וועגן אונז. און וואו איז „זי" טאַקע?

ער האָט געטאָן אַ צי זיין רייטערל, אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיינע פיס אין די זייטן אַריין און איז אַוועקגעריטן צו צפון-זייט. ער איז געקומען ביז דעם דראָטענעם פּלויט און איז אַוועק מיט דער לייננ פון צפון-זייט פּלוט און אויסגעקוקט זיינע אויגן, און אויסגעפייפט און געברומט, און קיינער האָט נישט געענטפערט.

— וואו זאָל „זי" זיין?

עס איז אים פּלוצים געקומען אין דער מחשבה, אַז דבורה איז אַ גרויסע „שטיפערקע" און זי האָט היינט מיט אים אויך געוואָלט מאַכן אַ שפּיל. זי איז אַוועק אַ היים און אים געלאָזן וואַרטן אויף דעם באַרג.

עס האָט אים באַלד אָנגעהויבן הנאה צו טאָן. ער וועט אַהיים קומען. זי וועט עס דערציילן און מען וועט לאַכן.

און ער האָט אַ דריי געטאָן זיין רייטערל אויף אַהיים. דער פערד האָט געוואָלט אָנהויבן צו לויפן אין גאַלאָפּ, האָט דער פערד-יונג נישט געלאָזן. פּאַוואָלענקע איז ער זיך געפאָרן און געטראַכט וועגן דבורהן און זיך אַליין.

„שוין דריי יאָר, אַז ער אַרבעט ביי הער גאָלדענבאַרג. עס איז אים ביז איצט געלונגען צו פאַרבאַהאַלטן זיינע אינערלעכע שטרעבונגען פון די הויזיקע. אַלע מאָנאַט באַקומט ער זיין „גע־

האַלט״ און פירט עס אַוועק אין באַנק אַריין. זיינע אויסגאַבן זיינען זייער קליינע, אַפילו טאַבאַק באַקומט ער אויך פון הויז. ער האָט זיך שוין דאָ אויסגעלערנט צו רויכערן. עס איז אומעטיק, אַז דו שטייסט אין פעלד אייגער אַליין, ווילט זיך רויכערן. עס אַרבעט זיך בעסער דעמאָלט.

„דריי יאָר, און גענוג! מערער וועט ער דאָ נישט זיין. כאָטש ער האָט ליב די דאָזיקע אַרבעט אויף אַ פערד-ראַנדזש... און ווען עס פלעג קומען, אַז מען האָט באַדאַרפט צוימען אַ יונגע בראָנקאָ איז דאָס געווען אַ הייליקע אַרבעט פאַר אים. עס האָבן זיך אָנגעצויגן זיינע מוסקולן און זיין ברוסט האָט זיך פעסט אויפגעהויבן. און מיט אַ פייכטן גלאַנץ אין זיינע אויגן פלעג ער פאַרוואַרפן דעם „שלייף״ איבער דער בראָנקאָ וועלכע האָט זיך נישט געלאָזן צוימען.

נאָך פון קינדהייט אויף פלעג ער ליב האָבן פערד. און פונדעסטוועגן וועט ער זיך מיט זיי שיידן.

„עס איז דאָ אומעטיק צווישן דעם געמישעכץ פון מענטש, פערד און פרערי. אַז עס קומט דער שבת, וועלכער איז אויך גאָלדענבאַרגס רו-טאָג, איז עס נאָר משוגע צו ווערן. דער טאָג איז מוראדיק לאַנג. און דער געדאַנק, אַז דו ביסט איינער אַליין אין אַזאַ ווייטער און ברייטער פרערי, וועלכער ווייסט פון שבת, אַנדערע האַלטן דעם זונטאָג און נאָך אַנדערע ווייסן נישט פון ביידע, דער דאָזיקער געדאַנק צעברעכט דאָס רויקע געמיט און מאַכט פילן, אַז עס וואָלט בעסער געווען היינט צו טאָן די שווערסטע אַרבעטן, זיך צו פאַרגעסן!...

„און עס פאַרדריסט אויף דעם ענערגישן גאָלדענבאַרגן, ווי ער לאָזט זיך נישט... ער שטייט ביי דאָס זייביקע, ווי אַ פעלז!...

„און ער האָט דען נישט דאָס רעכט אַזוי צו האַנדלען —

טראַכט ער ווייטער — אָט בין איך אַהער געקומען מיט אַ באַשטימטן צוועק — וועט דען ווער מיין צוועק ענדערן?"

„ער האָט ליב דבורהן... וועט ער זי רופן מיט זיך.

„זי וועט מיטגיין מיט אים קיין פּאַלעסטינע. ער איז ביי זיך זיכער, אַז זי גייט מיט אים! ער וועט איר איינמאָל אָנזאָגן פון זיין באַגער, און זי וועט איר קאָפּ מיט די ווייכע האָר צו זיין ברוסט ביי גן און שווייגן...

„יאָ, ער פילט עס שוין פון דעם טאָג אָן, וואָס מען האָט דבורהן געבראַכט אין הויז אַריין. זי איז און וועט זיין מיט אים...

„און אין דעם לאַנד פון איילבירטן און ווינשטאָקן וועלן זיי גיין. און דאָרט וועלן זיי אַ שטיק ערד קויפן.

„און זיי וועלן דאָרט צוזאַמען אַ הויז בויען און א ברונען גראָבן. און ווייַנגאָרטן אין גלייכע רייען פלאַנצן אויף איינעם פון די סקאָסן, אין די פּאַלעסטינער בערג..."

„און אַ סך, אַ סך, מוז דאָרטן שוין זיין, אַזוינע ווייַנגער-טנער און היימען... אויב נישט, וועט ער מיט דבורהן זיין די ערשטע..."

„אויף די פּאַלעסטינע הויכע און לאַנגע בערג וועלן זיי די ערשטע בויען אַ הויז, און דבורה וועט דאָרטן צו אים אַ קינד געבוירן..."

„און נאָכדעם וועלן קומען נאָך אַנדערע יונגע פּאָר..."

„און עס וועט ווערן אַ נייע ליכטיקע בערגיקע וועלט...

מיט ווייַנגערטנער און איילבירטן, און שאָף און רינדער".

„און איבער די טאָלן פון דעם נייעם לאַנד וועט רינען מילך און האָניק, אייל און וויין..."

„און אונזערע קינדער וועלן אַרומגיין דורך די נעכט און

זינגען נייע לידער, פון וועלכע עס וועט שמעקן מילך, האָניק, אייל און וויין..."

"און איבער די בערג וועט זייער געזאַנג ציטערן... און אין די טאָלן וועט עס נידערן און צוריק איבער דעם גאַנצן נייעם לאַנד ווידער אויפקומען".

און מיר, זייערע עלטערן, וועלן דאַן רוען פון טאָג אַר־בעט, אין אונזערע היימען".

"און מיר וועלן איינגעשלעפערט ווערן מיט אַ זיכערן האַרטן שלאָף און אונזערע נשמות וועלן שוועבן אין דעם נייעם הימל אַריין". — — —

דאָס "רייטערל" האָט אויך דערפילט עפּעס אַ לייכטקייט אין זיינע ביינער און עס האָט גענומען שוועבן און וויגן זיך. באַלד זייבען זיי שוין ביים הויז.

און צוקומענדיק נענטער צום הויז, האָט דער פערד־יונג אויף פריער אַ דריי געטאָן זיין רייטערל צום שטאַל. ער איז צוגעריטן און אַריינגעקוקט דורך דער אָפענער ברייטער טיר.

"קיטי" איז נישט געווען אין שטאַל. עס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין האַרץ און אַלע זיינע בלוטן זייבען אים אַנט־לאָפן פאַר שרעק.

"איז דבורה נאָך נישט אַהיים געקומען ?!..."

און ער איז צוגעריטן צום הויז, זיין קאָפּ נידעריק אַראָפּ־געבויגן.

אין הויז איז קיינער נישט געווען.

י

ע

ס איז געווען, אַז הער גאָלדענבאַרג האָט אין יענעם צאָל־טאָג צוזאַמענגענומען דאָס גאַנצע געלט און איז אַוועק אין

שטעטל עס אין באַנק אַרײַנצולעגן.

זײַן פֿרוי רחל האָט אים מיטגעגעבן אַ צעטעלע אַ היים ברענגען זאַכען פֿון שטעטל און האָט באַמערקט:

— זע נאַר, ווען דבורהלע איז איצט אין דער היים, וואָלט איך אויך אַביסל געפֿאָרן אין שטעטל.

— וועסט שוין פֿאָרן קומענדע וואָך, רחל! — האָט גאָלדענבאַרג געענטפֿערט — הער, אַז זיי וועלן אַהיים קומען, זאָג אײַזיקן, ער זאָל צוגרייטן די שנייד-מאַשין; מאָרגן שניידט ער ווייץ. —

נאָכדעם ווי גאָלדענבאַרג איז אָוועקגעפֿאָרן, האָט זיך די פֿרוי זײַנע, ווי זי פֿלעג עס אָנרופֿן אין איר אייגענעם לשון, דערפֿילט, ווי מען וואָלט איר האַרץ פּלוצים אָפּגעריסן.

— וואו זאָלן זיי, דבורה מיטן יונג, זײַן אַזוי שפּעט?

זי איז אַרויס מיט די „פֿעלד-גלעזער" און גענומען קוקן אין אַלע ווײַטע ווייטן, און האָט קיינעם נישט באַמערקט.

„מוזן זײַן ערגעץ בײַ די ווילדע בול-ווײַנשל אין דער טי-פֿער „קעשענע", וואָס פֿון יענער זײַט הויכן באַרג, — רײַטנ-דיק אויף די פֿערד, קען מען די ווײַנשל קלײַבן. ער, דער פֿערד-יונג, מוז זיי רײַסן פֿון די בוימלעך, זיך צעשטעכן זײַנע הענט אָן די לאַנגע האַרטע נאָדלען, וואָס באַשיצן יעדע ווײַנשל. ער רײַסט די ווײַנשל און דבורה נאַשט פֿריילעך..."

פֿרוי גאָלדענבאַרג האָט אַוועקגענומען די פֿעלד-גלעזער פֿון די אויגן און זיך געלאָזט גיין צום ווייץ-פֿעלד. מאָרגן דאַרף מען די ווייץ שניידן, וועט זי זען דאָס פֿעלד איידער עס איז געשניטן.

די פֿעלד-גלעזער זײַנען אויף אַ שוואַרצן רימען געהאָנגען פֿון איר האַלז אַראָפּ און מיט ביידע הענט פֿאַרשטעקט אין די זײַטן האָט זי אַרײַנגעשפּרייזט אין דעם ים פֿון גרוי-געלן טיפֿן ווייץ...

זי האָט געטראַכט:

„אַ ווייץ אין דער ערד און עס קומט אַרויס אַ זאַנג מיט פינף און פערציק קערנדלעך... די האַנט פון גאָט איז אין דעם. ביי אַן אַנדערן איז דאָס נישט אַזוי.

„אַלע אַקערן און זייען צוגלייך מיט אונז.

„קומט דער ליבער זומער, איז ביי אונז די גאַנצע פעלד געדיכט און גרין, און ביי זיי איז עס ווי מיט פלעקן גרינע דאָ און דאָרט.

„ווערן זיי אין כּעס אויף גאָט און צעאַקערן די פעלדער נאָך אַמאָל און מען זייט אַן אַנדער ברויט.

„קומט אַרויס דער האָבער, אָדער דער קאָרן און די גאַנצע פעלד איז דורכגעמישט מיט ווילדע געל-רויטע קווייטן, און מיט ווילדע ווייסע מערן-בלומען. איז דאָס אַ נישט-גוטער פאַר דעם ברויט.

„ווערן זיי אין כּעס, מען כאַפּט די שנייד-מאַשין און מען האַקט די גאַנצע ברויט מיט די ווילדע קווייטן און בלומען גרינערהייט.

„עס וועט זיין גוטער היי — טראַכטן זיי.

„שיקט גאָט אַ רעגן און עס גיסט אַ טאָג און צוויי נאָכאַנאַנד.

„נאָכדעם קומען זיי אַרויס אין פעלד און באַטראַכטן דאָס היי:

„שוואַרץ ווי שטויב, קיין בהמה וועט עס נישט אַ שמעק טאָן.

„און מען ווערט פול מיט צאָרן און מען שפּאַנט פערד אין אַקער. מען אַקערט נאָך אַמאָל און מען רעדט זיך אויס דאָס האַרץ:

„עס וועט זיין גוט פאַר דער ערד, זי וועט פעטער און רייכער ווערן...

„און איבעראַיאָר, אוי ווי און אַ קלאָג... אַ ווייץ אין דער ערד ברענגט פינף און פערציק קערנדלעך און אַ ווילדער רעטעך אין דער ערד ברענגט מיליאָנען קיילעכיקע האַרטע און ברויגע זאָמען אין איין שטאָם...

„ווערט זייער פעלד פאַרפלייצט יאָר-איין, יאָר-אויס מיט ווילדע קרייטעכער און די ברויטן קענען זיי נישט קעגנשטיין. און מען בלייבט ממש אָן ברויט...

„און ווער איז שולדיק? האָט דען גאָט נישט געקענט אַראָפּשיקן צו זיי אַ גוטן געדאַנק?...”

פרוי גאָלדענבאַרג דערמאָנט זיך אָן דעם ערשטן פעלד, וואָס גאָלדענבאַרג האָט אין ווינטער ווייץ פאַרזייט:

אַז עס איז געקומען צו פרילינג, איז דאָס ברויט געווען געדיכט, שיין און גרין. האָבן זיך מענטשן געוואונדערט.

האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס, ווי צו זייען ווינטער-ווייץ.

און אַז גאָלדענבאַרג האָט אַ פעלד מיט זומער-ווייץ פאַרזייט, אַ צווייטן מיט האָבער און אַ דריטן מיט פלאַקס, און אַז עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקומען פון דער ערד, פלעגן מענטשן קומען קוקן אויף גאָטס וואונדער.

פירעקעכיקע פעלדער אין גלייכע שורהלעך, ווי מיט אַ ווירע אויסגעמאָסטן, און די שפּראָצונגען איינע נאָך די אַנדערע, ווי מיט דער געניטער האַנט אָנגעזעצט.

— איך ווייס, ווי מיט דער מאַשין אַרומצוגיין.

און אַז עס האָט זיך אין די ברויטן דאָ אין דאָרט אַ ווילדער קוויט באַוויזן, פלעגט זיך זיין פּנים פאַרוואָלקענען מיט אַן

ערנסט. און ער פלעג אַרויסגיין אין פעלד אַריין, זי אויך מיט-
רופן, און מיט די בלויזע הענט האָט מען די קווייטן פון דער
ערד, יונגערהייט אַרויסגעפליקט.

זיי זאָלן נישט דערלעבן, די ווילדע קרייטעכער, צו בלו-
מענצייט...

האָט מען געלאַכט:

— דער ייד טרעט אויף זיינע ברויטן

גאָלדענבאַרג האָט זיינס געעקשנט:

— איך וועל פאַרטרעטן הונדערט ברויט-זאַנגען, אָבער מי-
ליאָנען קרייטעכער און דערנער וועל איך אומברענגען...

מיט איבערגעבראָכענע רוקנס פון פיל בויגן זיך, און מיט
אָנגעשוואָלענע הענט פון נעכטן, האָט מען היינט ווייטער דערנער
און קווייטן געריסן. מיט די וואָרצלען האָט מען זיי באַדאַרפט
רייסן. נאָכדעם פאַרן הויז אין הויפנס זיי פאַרברענט.

אַ ווייץ אין דער ערד ברענגט אויף פינף און פערציק
קערנדלעך, אָ, גאָט אין הימל, און די פינף און פערציק קערנד-
לעך ברענגען אויף קומענדיקן יאָר נאָך אַמאָל צו פינף און פערציק
קערנדלעך און עס איז שוין דאָ אַ ברויט צו דערהאַלטן אַ נשמה...

און וואָס ברענגט דער דאָרן, און וואָס נוצט די קווייט?

דער דאָרן וואַקסט ארויס פון מיין קערנדל אין אַ הויכן
שטאַם מיט אַ קיילעכדיקן און ברייט באַצווייגטן קאָפּ. מיט
הונדערטער שויטן. און אין יעדן שויט הונדערטער קערנדלעך.
און אַז עס קומט זיין צייט אין אָסיען און דער צפון-ווינט ברעכט
דעם קאָפּ פון דאָרן אָפּ און נעמט אים קייקלען איבער דער פרערי,
און די שויטן צעעפענען זיך און די קערנדלעך ווערן צעזייט
און צעשפרייט.

און וואָס האָט מען דערפון

יא

רחל גאָלדענבאַרג האָט זיך לאַנג געשפּיגלט אין דעם ווייץ־פעלד, וואָס מען דאַרף מאָרגן שניידן, און נאָכדעם זיך גע־לאָזט צוריק אהיים. גייענדיק אין מיטן וועג, האָט זי אַ פּאָר מאָל אָנגעשטעלט די פעלד־גלעזער צו אירע אויגן. אָט האָט זי דערזען אַ רייטער פון ווייטנס, אָבער עס באַדאַרף דאָך זיין צוויי רייטער, אַז דאָס זאָל זיין דבורה מיטן יונג...

רחל איז אַריין אין הויז, זיך פאַמעלעך גענומען מאַכן פיי־ער אין אויוון אויפצוקאָכן דעם אָוונט־מאָלצייט. אין דער איי־גענער צייט געטראַכט, וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג, אַוועק פון הויז מיט אַ יונג אויף אַזוי לאַנג. וואָס טוען זיי דאָרט ביז איצט?...

באַלד אָבער האָט זי מיט פאַרדראָס זיך ווי צוריקגעכאַפּט — דבורה איז אַ מיידל... אַ פרעמד מיידל... און נישט איר אייגן קינד... און איינאיינעם מיט דעם האָט זי שוין אויך גענומען טראַכטן פון דעם, אַז זי, רחל אַליין, איז נאָך מיידעלש... זי ווייסט נישט דעם אמתן טעם פון אַ מוטער.

און נאָך אַ זאַך איז געווען ביי רחלען אויפן געדאַנק: תמיד ווען זי בלייבט אַליין אין הויז, אויף דער דאָזיקער פּרעריע, טראַכט זי וועגן דעם... און ווען זי טראַכט פון דעם, ווערט איר פּנים באַרויטלט און באַלד גייט אַוועק דאָס רויטע און אַ צאַרט בלאַס־קייט קומט אָן.

זי האָט דאָך נישט געפילט דאָס, וואָס אַ מוטער פילט...

ער וואַרפט די שולד אויף איר... און זי... —

„זע נאָר! אַ קאָפּ פון אַ פערד אין פענסטער!" — האָט רחל ווי צו זיך אַליין אויסגעשריגן, און אַ וואָרף געטאָן אַלעס אין קיך און איז אַרויס אין דרויסן.

און עס איז געווען, ווי מען עפנט אַ טיר פון אַ וואַרע־

מער הויז אין אַ פּראָסטיקן טאָג און מען קוקט אַרויס אויף דרויסן און עס כאַפּט אַרום דער פראָסט, אַזוי האָט עס רחלען אַרומגעכאַפּט און עס איז איר געוואָרן קאַלט אין יעדן אבר, ווען זי האָט דערזען אונערוואַרטעט יאָהאַנען זייער שכן עלקינסעס זון אויף זיין פערד און דבורהן האָט ער געהאַלטן אין זיינע אָרעמס.

פרוי גאָלדענבאַרגס פאַנטאַזיע האָט זיך געהיצט און אין איין צענטל פון אַ רגע האָט זי איבערגעטראַכט טויזנטער געדאַנקען.

יאָהאַן האָט באַמערקט רחלס צעשראָקענעם פּנים און האָט גע‑טאָן אַ לייכטן בויג מיט זיין קאָפּ, און מיט אַ שמייכל זי באַרויקט:

— עס איז גאָרנישט, זייער לייכט...

— וואָס איז געשען? — האָט ערשט איצט רחל זיך דער‑מאָנט צו פרעגן, — וואָס איז פאָרגעקומען?!

— מומע — האָט דבורה זיך געפּרווט אַ הויב טאָן, און ווי זי וואָלט וועלן אַרונטערשפּרינגען פון יאָהאַנס פעסטע אָרעמס, — מומע, נעמט מיך אַרונטער. אין הויז וועל איך דערציילן...

פרוי גאָלדענבאַרג האָט צו איר ברייט אויסגעשטרעקט אירע האַלב-אָפּגעדעקטע, רונדע הענט. זי אַ נעם געטאָן. דבורה האָט זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום איר מומעס נאַקן און האָט אַ לייכטן קרעכץ געטאָן.

פלינק ווי אַ פויגל איז יאָהאַן אַרונטער פון זיין זאָטל, האָט אַ נעם געטאָן דבורהן, און מיט אַ זייער באַזאָרגטן אויס‑דרוק אויף זיין פּנים, געהאָלפן אַריינטראָגן דבורהן אין הויז אַריין.

מען האָט דבורהן אַריינגעלעגט אין בעט. רחל האָט זיך

געגומען פאָרען אַרום פוס. דאָס ערשטע האָט זי אַרונטערגעצויגן דעם שוך זייער פאַמעלעך, און דבורה האָט זיך דערביי געצאַפּלט פון ווייטיק.

יאָהאַן האָט דערוויילל, אַ ביסל פילנדיק זיך ווי איבעריק, דערציילט, ווי אַזוי ער האָט געריטן אין פעלד, אַ קו איז ביי זיי אין ערגעץ פאַרפאַלן געגאַנגען, איז ער זי געפאָרן זוכן און פּלוצים האָט ער הער גאָלדענבאַרגס נעפּאַט געפונען.

דער פוס ביי דבורהן איז געווען בלייך...

רחל האָט אים גענומען אַרומטאַפּן פון אַלע זייטן און ווען זי האָט אָנגערירט דעם קנעכל, האָט דבורה אַ שטאַרקן קוויטש געטאָן. פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיך אויף אַ רגע ווי דערשראָקן און איז באַלד אַוועק אין קיך און שנעל צוריקגעקומען מיט אַ שיסל קאַלטע וואַסער און מיט אַ האַנטוך, און אָנגעהויבן צולייגן קאָמפּרעסן אָפּ און אויף.

— דבורה לעבן, טו אַ הויב דעם פוס, — האָט זיך רחל גענומען בעטן.

דבורה האָט אַ הויב געטאָן דעם פוס און מיט אַ שאַרפן קלעם ביים האַרצן האָט זי אים אַ דריי געטאָן אַראָפּ און אַרויף. די פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיך צוגעבויגן מיט איין אויער צו דער בלייכער הויט פון פוס און זיך איינגעהערט. זי האָט גאָר נישט געהערט און האָט מיט שמחה אויסגערופן:

— דאַנקען גאָט, נישט צעבראָכן, מוז זיין נאָר לייכט אויס-געלינקט. זאָג,—האָט זי זיך צוגעבויגן צו דבורהס פּנים, — פילסטו ערגעץ אַן אנדער ווייטיק? שעם זיך נישט. דיין פעטער איז אויך שוין עטליכע מאָל אַרונטערגעפאַלן פון זאָטל און עס האָט אים נישט געשאַט.—און זי האָט צוגעגעבן, קוקנדיק צו יאָהאַנען — דער, ווען ס׳פערד וואַרפט נישט אַרונטער, איז גאָר קיין אמתער רייטער נישט...

יאָהאַן האָט אַ שמייכל געטאָן, און זיין גאַנץ געזיכט איז פאַרפלאַמט געוואָרן מיט אַ רויטלעכער שעמעוודיקייט. און בכדי צו פאַרשטעלן זיין פאַרלעגנהייט האָט ער זיך אָנגעבאָטן אַוועקצו־רייטן נאָך דעם דאָקטאָר.

— איך דאַנק — האָט מאַדאַם גאָלדענבאַרג געזאָגט, — דער פערד־יונג וועט פאָרן נאָך אים.

— ער איז דען אין דער היים? — האָט זיך דבורה פאַר־וואונדערט.

— וואָס, ער איז נישט געקומען מיט אייך צוזאַמען?! וואָס איז געשען?!... — פרעגט די פרוי גאָלדענבאַרג.

דבורה האָט קרעכצענדיק דערציילט:

— מאַ, ווייסט דאָך, איך האָב געריטן מיט אים און נאָכ־דעם בין איך אוועק באַזונדער און ער באַזונדער... דאָס פערד האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן. און ווען נישט ער, יאָהאַן, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געווען...

פרוי גאָלדענבאַרג האָט פאַרבראָכן מיט די הענט און גע־נומען ברומען: „דער יונג", „אַזאַ יונג"... — און גענומען דורכ־דרינגלעך קוקן דאָ אויף יאָהאַנען, דאָ אויף דבורהן...

יאָהאַן האָט געפלאַמט פון פאַרלעגנהייט און פון נאָך אַ טיפערן געדאַנק, וואָס האָט איצט זיך אַריינגעכאַפּט צו אים אין האַרצן.

ער האָט נאָכאַמאָל פאָרגעשלאָגן אַוועקצורייטן נאָך דעם דאָקטאָר.

פרוי גאָלדענבאַרג האָט איינגעשטימט, נור מיט דעם באַ־דינג, אַז זי וועט עס רעכענען פאַר דער גרעסטער טובה... און אַז הער גאָלדענבאַרג וועט אים דערפאַר אָפּדינען...

יאָהאַן איז אַרויס פון הויז, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פערד.

דאָס פערד האָט זיך אָנגענומען מיט זיין נערוועזיטעט און האָט זיך גענומען טראָגן ווי אַ ווילער, און אַזוי ווי א ווילער האָבן זיך אויך גענומען טראָגן יאָהאַנס געדאַנקען.—אים האָט דבורה דערציילט גאָר עפּעס אנדערש... זי איז אַליין אַרויסגעפאָרן אויפן שפּאַציר און אַרונטערגעפאַלן פון פערד... ווען זי וואָלט אים דערציילט דעם אמת... זי האָט אים ליגן געזאָגט... און איר קערפּער האָט אים אַזוי געררייצט דעם גאַנצן וועג... ווען ער זאָל געוועזן וויסן, אַז דער פערד־יונג האָט זי מיטגענומען אויף דער פּרערי און דורך אים איז זי פאַראומגליקט געוואָרן. — דאָרטן וואו מען גלויבט עפּעס, קאָן שוין געמאָלט זיין נאָך עפּעס... איר קערפּער האָט אים אַזוי געררייצט אַ גאַנצן וועג... און רייצט נאָך איצט און רייצט...

יב

די נאַכט איז געווען אַ שטאָק בלינדע.

מען האָט נישט געזען קיין בערג און קיין טאָלן. קיין פלויט און קיין וועג, נור אַ געדיכטע שוואַרצקייט איז געלעגן ווי אָנגעפּרעסט אויף דער ברייטער און ווייטער ערד.

דער פערד־יונג האָט אָפּגעלאָזן דעם פערד זיינעם, ווייל ער האָט געוואוסט דאָס, וואָס אַלע ווייסן, אַז אַ פערד האָט ליכטיקערע אויגן פון אַ מענטשן און ער וועט טרעפן אַהיים.

פון דעסטוועגן האָט ער מיט אַ פינסטערן געמיט, וואָס האָט שוואַרץ געפּרעסט זיין האַרץ, און מיט אַ צעהיצטן מוח, נישט אָפּגעלאָזן זייגע חושים פון דעם וועג, וואָס האָט זיך אונטער דער געדיכטער פינסטערניש געשפּרייט.

ער האָט געוואוסט, ווען דער פערד גייט באַרג אַראָפּ אָדער באַרג אַרויף, אַ טייכל איז ער דורכגעגאַנגען און אָט איז שוין

דאָס לעצטע הילצערנע בריקל צו דער היים. ער האָט נישט געזען דאָס בריקל, נור געהערט, ווי דער פערד קלאַפּט מיט זיינע פיס אויף ברעטער.

און מחמת ער האָט זיך דערפילט נאָענט פון דער היים און האָט געוואוסט, אַז עס וועלן אים באַגעגנען פיר אויגן, און אַז ער האָט גאָרנישט וואָס צו דערציילן... איז אים געוואָרן שווער.

קאָן ער דען אַריינקומען זאָגן, אַז דבורה איז טויט?

קאָן ער דען אַריינקומען אין הויז און זאָגן אז זי לעבט?

קאָן ער דען אַריינקומען אין הויז און זאָגן צוויי ווערטער, מיט וועלכע ער זאָל אויסדריקן זיין שמערץ?

קאָן ער דען אַריינקומען אין הויז און שווייגן

וואו איז איצט דבורה?... די ליבע דבורה!...

ער איז שוין באַלד משוגע פון צו טראַכטן, און עס איז קיין האָפנונג נישטאָ...

ער מוז דאָך אַהיים קומען. עס איז נישט געווען קיין פּלאַן צו בלייבן אויף דער כּרעטי איבער נאַכט, ווי ער האָט פון אָנפאַנג באַשלאָסן.

ניין, ער מוז אַהיים קומען און דאַן אַוועק צוריק אויף די פעלדער און ארומגייען און זיך איינהערן אין דער פינסטערער נאַכט אַריין, אפשר וועט ער איר קול פון ערגעץ אַ טאָל אָדער אַ באַרג אויפכאַפּן.

נאָר ווי אַזוי קומט מען אַהיים? ער מוז זיך נור מיט אַ שטיין זיין קאָפּ צעשטויסן פאַר דער טיר פון די גאָלרענבאַרגס און זאָל זיי גאָר נישט דאַרפן דערציילן.

מיט אַמאָל האָט געטאָן אַ שיין עפּעס אַ ליכט פון ערגעץ ווייט. עס האָט אים געטאָן אַ קלאַפּ אין הארצן

אָט איז די היים!...

און די ליכט קומט אלץ נענטער. אָט איז עס שוין גאָר נאָענט.

די גאָלדענבאַרגס, פרוי און מאַן, מוזן דאָרט שטייען ביי דער טיר. זיי הערן מן הסתם דאָס טאָפּקען פון די פערד און זיי שטייען שוין אָנגעגרייט אים צו באַפאַלן מיט וויי־געשרייען.

נור וואָס איז דאָס ?!... די ליכט האָט זיך פאַרדרייט אין אַ זייט.

מן הסתם איז דאָס הויז אָן דאָרט, אין יענער זייט. ער נעמט שוין אָן די לייצעס אין זיינע ציטערנדיקע הענט און פאַרקערוועט אין יענער זייט, צום ליכט.

אָט איז ער שוין דאָ. אַ פחד פאַלט אים אָן:

עפּעס בילט דער הונט נישט...

אפשר איז הער גאָלדענבאַרג אַרויס אויף דער פרערי מיט דעם הונט, זיי אויפצוזוכן.

און אַזוי טראַכטנדיק, טוט ער אַ קוק, אַז די ליכט איז פון הינטן. ער איז זי שוין אַריבערגעפאָרן.

ווערט ער שוין אין כעס אויף זיין פערד, וואָס רייסט זיך אויף פאָרווערטס, און ער טוט אַ ריס מיט די לייצעס, די צוים טוט אַזש אַ קלינג אין פערדס מויל, און נעמט זיך יאָגן נאָך דעם ליכט אויף צוריק.

יאָגט ער זיך און יאָגט זיך, און דאָס ליכט אַנטלויפט אַלץ פון אים. וויל ער זיך נישט גלויבן אַז די ליכט אַנטלויפט און ער נעמט זיך נאָך שטאַרקער יאָגן נאָכן פייער. און ערשט ווען ער האָט דערהערט, אַז זיין פערדל פלוכקעט זיך אין וואַסער, איז אים געקומען אויפן געדאַנק די מיאַזמאַ, וואָס צינט זיך דאָ אָפּט אָן אין די פינסטערע נעכט און אויף וועלכע די שכנים גלויבן, אַז דאָס פאָרט אַזוי אַרום איבער דער פרערי אַ שד מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט.

דאַן איז ערשט אַ פּחד אויפן פערד־יונג אָנגעפאַלן, ווייל ער איז אַראָפּ פון וועג און נישט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך אין דער דאָזיקער פינסטערניש,— האָט ער נאָך אַמאָל אָפּגעבלאָזן דאָס פערדל און דאָס פערדל האָט געריטן איבער טאָל און באַרג, ביז עס האָט דער פערד־יונג דאָס בילן פון גאָלדענבאַרגס הונט דערהערט.

עפּעס איז געווען אָן אַ גרענעץ היימלעכעס און טרייעס אין דעם דאָזיקן לענגלעך טרויעריקן בילן, און אַ וואַרעמקייט האָט פון דעם גענומען שטראָמען אין זיין האַרץ אַריין.

ער איז צוגעקומען צום הויז, איז אַראָפּ פון פערדל, האָט אים אַריינגעלאָזן מיטן זאָטל אין שטאַל אַריין, און אַליין איז ער אַריינגעפאַלן אין הויז נישט טויט נישט לעבעדיק.

די מענטשן פון הויז האָבן זיך אַלע מיט פרייד א הויב געטאָן פון זייערע פלעצער, זיינען אים אַקעגן געלאָפן.

דבורה איז אויך אַרונטער פון בעט, נישט באַמערקט פון די הויזיקע...

זי איז אַרונטער — ווייל אַלעס איז געקומען צוריק מיט דעם פערד־יונגס אומקערן...

פון שטאַרקן אומבאַוואוסטן שפּרונג, איז דאָס קנעכל פון איר לינקן פוס געקומען אין זיין אָרט...

— וואו ביזטו געווען?!

— וואו ביזטו געווען?!

און מיט גרויס מי האָט מען דבורהן צוריק אַריינגעלעגט אין בעט.

דער יונג האָט דערציילט, ווי די „מיאוס" האָט אים אַרום־געפירט איבער דער פרעריע.

דבורה און פרוי גאָלדענבאַרג האָבן געלאַכט. מען האָט איך

פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע אָן אַלעס און אַלע האָבן האַרציק געלאַכט.

פרוי גאָלדענבאַרג האָט ווי תּמיד אויפגעכאַפּט נאָך אַ מין שוואַכקייט פון די „מענער": „זיי פאַרלירן זייערע קעפּ ווי עס קומט צו עפּעס..."

און טאַקע באַלד איבערדערציילט שוין צום הונדערטן מאָל, ווי דער אייגענער יונג האָט זיך דערשראָקן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל די מיאַזמאַ דערזען, ווי אַזוי ער איז אַרײַנגעלאָפן אין הויז מיט אַ געשריי: „הער גאָלדענבאַרג, עמעץ פאָרט אַרום אין פעלד מיט אַ לאַמטערנע!" כאַ, כאַ...

— גענוג שוין, גענוג, רחל—האָט הער גאָלדענבאַרג גענומען זיך בייזערן,—גוט איז דיר, אַז מען האָט דיר דערציילט וועגן דער מיאַזמאַ... וואָס איז דאָ צו לאַכן!...

דער פערד־יונג האָט טיף אין האַרצן הנאה געהאַט, וואָס מען לאַכט אין הויז: — „עס איז אויסגעגאַנגען צום געלעכטער."

דבורה האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן נישט צו לאַכן, כאָטש דער פּוס האָט איר זייער ווײ געטאָן, און נאָך מער האָט איר ווײ געטאָן פון דעם, וואָס נישט ער — דער יונג, נאָר יאָ-האַן האָט זי אַהיים געבראַכט...

אין איר האַרצן האָט זיך גענומען אויפוויקלען עפּעס אַ בעפּיל פון עקל, אַז זי האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט זיך גע-וויגט אין יאָהאַנס שויס...

דער הונט אין דרויסן האָט אַ ביל געטאָן.

— מען פאָרט!

— דער דאָקטאָר!

עס האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלעט. יאָהאַן מיט דעם דאָק-טאָר זײַנען אַרײַן.

עס איז געוואָרן אַ גערודער פון בענקלעך, פרוי גאָלדענ-

באַרי האָט דעם קנויט פון לאָמפּ אַביסל העכער אַרויסגעדרייט.

דער דאָקטאָר, אַ נידריקער און גראָבלעכער, מיט גרויסע הענט און פאַרגרעבטע ברייטע פינגער, איז צוגעקומען גלייך צו דער קראַנקער דבורה.

און ווען ער האָט גענומען אַרומטאַפּן דבורהס לינקן פוס מיט זיינע פלאַטשיקע און מאַסיווע פינגער, זיינען אַלע אַרום געשטאַנען און שטום געוואַרט.

דבורהן אָבער האָט זיך פלוצים געוואָלט אַרויסשיסן אין אַ קייכענדן געלעכטער, אַזוי, האָט זיך געדאַכט, מיינט אויך דער פערד-יונג צו טאָן.

יאָהאַן האָט זיך מאָדנע געפילט. ער האָט ערשט איצט „דער-זען" דעם פערד-יונג. און געדאַכט האָט זיך אים אַז ווי באַלד ער זאָל אַזוי אַוועקגיין, ווי ער האָט זיך ערשט פריער מיט אַ ווילדע פאַרגעניגן, וועט ער האָבן אַ גרויסן שטיין אין וועג...

ווען יאָהאַנען פלעגט אויסקומען צו זיין ביי די גאָלדענ-באַרגס אין הויז, איז אָט דער יידישער יונג תמיד געווען אַן אָפּגעזונדערטער, נישט ווי קיין מיטגליד אין דער פאַמיליע און איצטער אָבער האָט דאָס אים גאָר אַנדערש אויסגעזען...

און יאָהאַן האָט זיך אינסטינקטיוו טאַקע געהאַלטן אָן אַ זייט. עס האָט געהייסן, אַז ער נעמט אָנטייל, אָבער ער אַליין האָט געזוכט עפּעס אַ וועג, וואָס שנעלער צו אַנטלויפן פון דעם דאָזיקן הויז. און איין וועג איז געווען פאַר אים, אַז דער דאָק-טאָר זאָל וואָס גיכער אָפּראַוון זיינע צערעמאָניעס.

עס האָט גענומען דעם דאָקטאָר זייער פיל, ער האָט זיך איבערגעבויגן צו דבורהן און מאָדנע געפרייכט און געקרעכצט, באַקוקט יעדעס אָרט עטלעכע מאָל און די בלויע אָדערלעך אין

דבורהס ווייס־בלייכן פּוס האָט ער זייער פאָרזיכטיק איבער־געקוקט, ווי ער וואָלט זיי וועלן איבערציילן.

פונדעסטוועגן האָט ביי יאָהאַנען נאָך געטאָן אַ בליץ אַ מין פאַרלאַנג. — דער דאָקטאָר זעט אויס צו זיין זייער ערנסט. אפשר איז טאַקע אַ צעבראָכענער פּוס... פאַר אים וואָלט עס בעסער געווען, און זי, דבורה, איז אַ יונגע און עס וועט זיך ביי איר שנעל אויסהיילן, אָבער עס זאָל זיין אַ בראָך

דער יונג האָט גענומען רעדן צום דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר מיט זיין ברייטער דלאָניע זיך אַ ווישׁ געטאָן זיין קליינעם שטערן.

דבורה האָט עס באַמערקט און, גאָר פּלוצלונג, פאַר זיך אַליין געמאַכט אַ פאַרגלייך; דעם פערד־יונגס שטערן מיט דעם דאָקטאָרס.

און דבורהן האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז זי איז די איינציקע, וואָס זעט אין דעם פערד־יונג עפּעס אַן אַנדערן ווי אַלע האָבן אים ביז איצט געקענט.

יג

אזוי גיך ווי דער דאָקטאָר האָט געהאַט די געלעגנהייט אַריינצוכאַפּן דאָס קנאַקענדיקע פינפערל און עס מיט אַ געמאַכטע נאָכלאָזיקייט אַריינצורוקן אין איינעם פון זיינע קעשענעס, האָט ער געזאָגט:

— גוטע נאַכט, יאָ, ווי גאָט איז זיי ליב, פריילין, נישט אַרונטערצוגיין עטלעכע טאָג פון בעט, אַ גוטע נאַכט!

יאָהאַן האָט אויך עפּעס אונטערגעברומט, האָט האַסטיק זיין הוט אָנגעטאָן און איז אויך אַרויס.

אַ שטיק וועג איז יאָהאַן געפאָרן אינאיינעם מיטן דאָק־

טאָר. און ער האָט דעם דאָקטאָר דערציילט פון זיין העלדישקייט, ווי אַזוי ער האָט געפונען די פריילין, און ער האָט דעם דאָקטאָר אויך דערציילט, אַז די האַנט פון דער פריילין ווערט אים געגעבן אַלס לוין פאַר זיין העלדישקייט. נאָכדעם האָט יאָהאַן פאַר־קירעוועט אָן אַ זייט און גענומען רייטן אַהיים

רייטנדיק איינער אַליין, האָט ער זיך געגעבן אַ חשבון מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער דאָס אַזוי געמעגט דעם דאָקטאָר זאָגן...

פונדעסטוועגן האָט ער ביי זיך באַשטימט, אַז אזוי וועט עס בלייבן. דער פערד־יונג איז דאָך אַ פרעמדער און ער וועט מן הסתם באַלד פאַרביטן ווערן אויף אַן אַנדער יונג. און ער, יאָהאַן, איז דאָ אויפגעוואַקסן און וועט דאָ, אויף דער פּרערי, שטאַרבן... הער גאָלדענבאַרג ווייסט דערפון און ווייסט אויך וואָס פאַר אַ בעל־הבית ער איז, נישט מערער ער קען עס נישט אַרויסווייזן ביי זיין טאַטן. קומט ער אָבער אין באַרירונג מיט אַ היינטוועלטיקן מענטשן און מיט מאָדערנע איינריכטונגען, וועט ער אַרויסווייזן, וואָס ער קאָן.

היינט דערצו נאָך דבורה!...

ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער געפונען די קו שטיין ביים שטאַל, דער גרויסער לאַנג־האָריקער הונט „טאַיג" איז אים אַקעגן געקומען און געשפרונגען אויף אים. יאָהאַן האָט די קו אַריינגעלאָזן אין שטאַל, „זי איז געווען אין יענעמס שאָדן", האָט ער אַ טראַכט געטאָן. „אַ פולן בויך מיט פרעמדן שווייס..." ער איז נאָכדעם אַוועק אין הויז, וועלכעס איז גע־ווען נאָך פינסטערער פון דער נאַכט. זיין פאָטער און ברודער זיינען שוין געשלאָפן, ווי דערהרגעטע.

אויף מאָרגן איז ער אַוועק אין שטעטל, נאָכדעם ווי ער

האָט זיין פאָטער אָפּגענאַרט, אַז ער האָט די קו געפונען העט שפּעט אין אָוונט, צען מייל ווייט פון דער היים.

אין שטעטל האָבן אים שוין אַ פּאָר חברים אָפּגעגעבן „קרעדיט" פאַר זיין העלדישקייט.

עס איז אויך אונטערגעקומען „באָב", אַ לאַנגער, דאַרער בחור מיט אַ ווייסן ברייט-ברימיקן הוט און מיט לאַנגע שטיוול אויף זיינע לאַנגע פיס.

באָב איז דער געהיימער רעפּאָרטער פון שטעטלדיקן בלאַט-צייטונג. און דערפאַר האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע גרויסע אויערן און זיך איינגעהערט, וואָס די „באָיס" שמועסן.

— האָסט גליק! — האָט איינער געזאָגט.

אַ צווייטער האָט געפרעגט:

— איז זי טאַקע געלעגן צעשטרעקט אויף דער פּרערי?

— פלוצים, איך טו אַ קוק, עס ליגט עמעץ... — הייבט אָן יאָהאַן אָפּצעמאָלן, ווי ער האָט דבורהן געפונען, — איך שפּרינג אַרונטער פון פערד און טו אַ קוק — עס איז דבורה גאָלדענבאַרגס.

— וואָס האָט זי געטאָן? — פרעגט איינער.

און אַ צווייטער:

— האָט זי זיך דערשראָקן?...

— איך האָב זיך דערשראָקן, — כאַפּנדיק, ווי וועלנדיק עפּעס פאַרבאָרגן, ענטפערט יאָהאַן, — נישט פון הייבט, אַז איך רייט אויף דער פּרערי און גאָר פלוצים האָסטו דיר אַ מיידל. און זי טוט אויף מיר אַ קוק — „באָיס", איך זאָג אייך — איי וועל אייביק נישט פאַרגעסן יענעם קוק.

— און וואָס האָסטו געטאָן?... — פרעגט איינער

און אַ צווייטער:

— איך מיין, אַז האָסט עפּעס געטאָן, צי ניין?...

— איך האָב זי אויפגעהויבן פון גראָז, זי האָט זיך אַרום מיין האַלז איינגעפלאָכטן, — האָט יאָהאַן מיט עקסטאַז דערציילט, — „ביידזשימיני״! זי האָט מיך שיער נישט דערוואָרגן. מיט איין האַנט האָב איך זי אַרום איר גאַרטל גענומען און מיט דער צווייטער האָב איך זיך אין האָרן פון זאָטל אָנגעכאַפּט.

— עס האָט געמוזט זיין שווער? —

— ביי מיר שווער, — רימט זיך יאָהאַן, — זי איז געווען לייכט ווי אַ פעדער, נאָר איך האָב מורא געהאַט איר פוס, דעם צעבראָכענעם, נישט צו פאַרטשעפּען.

— טאַקע צעבראָכן איר פוס, — שטעלט אַריין „באָב״.

— ניין, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָכדעם, אַז דער פוס איז גאַנץ.

— אַ יונג האָט גליק! — זאָגט איינער.

און אַ צווייטער:

— די גאָלדענבאַרגס האָבן דיך, פאַרשטייט זיך, גוט און פיין באַלוינט. די יידן זיינען זייער מילד אין אַזוינע פאַלן...

יאָהאַן האָט זיך דאַן אַוועקגעשטעלט מיט ביידע הענט אין זיינע הויזן-קעשענעס און ברייטלעך געזאָגט:

— קיין לוין, וועלכן מען וועט מיר געבן, וועל איך נישט נעמען, חוץ איינעם...

— דאָס מיידל!... — כאַפּט אונטער „באָב״, און טוט אַ מאָדנעם פאַרדריי מיט זיינע גרויסע אויגן אין אַ זייט אריין.

— דאָס וועל איך אַליין מיט מיינע הענט נעמען, — האָט יאָהאַן געזאָגט, און זיין פּנים האָט זיך פאַרוויטלט, — און דאָס איבעריקע וועט שוין קומען אַליין...

און אויף מאָרגן, פרייטאָג, איז דערשינען דאָס וואָכענט־לעכע בלאַט פון שטעטל, און צווישן די היימישע „טאָפּיקס" איז געווען דאָס פאָלגנדיקע:

„יאָהאַן עלקינס האָט, רייטנדיק אויף דער פּרערי, געפונען ליגן אַ געהלשטע מיידל. ער האָט זי אָפּגעמינטערט און דער־קענט, אַז דאָס איז אַ מיטגליד פון הער גאָלדענבאַרגס הויז. זי האָט אים דערציילט, אַז זי איז אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן פון אַ בראָנקאָ און פּילט אַ ווייטאָג אין אַ פוס. ער האָט זי אין גאָל־דענבאַרגס הויז אַהיים געבראַכט, און אַלס דאַנקבאַרקייט וועט דאָס מיידל מיט אים הייראַטן... וואו יאָהאַן וועט זיך נאָכדעם באַזעצן ווייסט מען נאָך נישט, נאָר געוויס וועט ער זיין אויף גאָלדענ־באַרגס ערד, ווייל די גאָלדענבאַרגס האָבן נישט קיין קינדער..."

יד

דאָנערשטאָג איז מען ביי גאָלדענבאַרגן, אין הויז אויפגעשטאַנען גרייט צו טאָג אַרבעט.

גאָר אין דערפרי איז דער פערד־יונג אַוועק איבער דער פּרערי, ער האָט זיך געיאָגט און געיאָגט, ביז ער האָט „קיטין" געכאַפּט מיט אַן איינגעבונדענעם זאָטל אַרום איר בויך. „קיטי" איז געבראַכט געוואָרן אַהיים, און דער פערד־יונג האָט זי באַ־שטראָפט מיט דעם ווייכן געפלאָכטענעם בייטש, און זי שטייט שוין ווייטער אין שטאַל אַ גוטינקע און אַ קלוגינקע.

מען האָט דעם „איבערבייסן" מיט הייסער שוואַרצער קאַווע פאַרטרונקען, און נאָך אייניקע מינוטן באַראַטן זיך פון הער גאָל־דענבאַרג מיט אייזיקן, און נאָכדעם ווי פרוי גאָלדענבאַרג האָט פאַרזיכערט, אַז דבורהלע איז אין בעסטער אָרדנונג און זי קאָן בלייבן מיט איר אַליין, זיינען ביידע מענער אַרויס שניידן דעם ווינטער־ווייץ.

ן מיטאָג צייט זיינען זיי אַהיים געקומען מונטער און דורכגעוועבט מיט זון און ווייץ קאָלירן.

ביים טיש איז געווען פריילעך, מען האָט מיט האַרץ געשלונגען דעם רובהאַרב קוכן. דער פערד־יונג האָט באַמערקט:

— אויף רובהאַרב אַליין וואָלט איך מיין לעבן געקענט אויפהאַלטן!... — פון וואָס מען האָט זייער פיל געלאַכט.

דבורה האָט זיך גענומען בעטן מיט עקשנות, אַז מען זאָל איר לאָזן אין פעלד אַריין.

„זי האָט ליב צו בינדן ווייץ...״

און אַז מען האָט איר געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט בונדן מיט די הענט, די מאַשין וואַרפט שוין אַרויס פאַרטיקע גאַרבן. —

— טאָ לאָז זיין אויפצושטעלן די בינטלעך אין די שאָקן...

האָט מען נישט געקאָנט צוזען דעם צער פון דעם מיידל און מען האָט איר צוגעזאָגט, אַז קומענדיקע וואָך שניידט מען די אַלפאַלפאַ, וועט זי אַרבעטן מיט דעם שאַרער.

— איך וועל שאַרן די אַלפאַלפאַ! איך וועל שאַרן די אַלפאַלפאַ! — האָט דבורה געהאַלטן אין איין זינגען, כאָטש זי האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין, אָט די אַלפאַלפאַ.

די מענער זיינען אַוועק אין פעלד אַריין.

די זון האָט געוועבט דאָס אייביקע געוועב פון גינגאָלד פעדעם אויף דער פרוכפערישער אויבערפלאַך פון ערד און וועגעטאַציע.

עס האָבן די ברויטן קעפלעך אַרויסגעלאָזן, עס האָבן די ברויטן בערדלעך אָנגעהויבן צו שפּראָצן, עס האָבן די ברויטן רייף צו ווערן אָנגעהויבן — און דער ווינטער־ווייץ שטייט ווי אַ קעניג צווישן אַלע ברויטן. ער איז דער זקן און דער הויפּטשפּייזער פון דער וועלט.

דער פערד־יונג האָט געשניטן מיט דער מאַשין און הער גאָלדענבאַרג איז נאָכגעגאַנגען מיט אַ צוויי־צייניקן גאָפּל און די גאַרבן אין שאָקן אויפגעשטעלט.

דאָס גאַנצע פעלד האָט אויסגעזען, ווי צעטיילט אין צוויי לאַגערן.

די פאַרטיקע, אויפגעשטעלטע שאָקן, האָבן אויסגעוויזן, ווי קליינע גאָלדענע הויפנס מיט ענערגיע. די אַלע נשמהלעך פון איטלעכער זאַנג באַזונדער האָבן זיך צוזאַמענגעבונדן און ליגן איינס אין דאָס אַנדערע, איינגעפרעסט ווי אין גאָלדענער הויפן.

אין אַ צווייטן לאַגער זיינען געשטאַנען די איינציקע, נאָך נישט אָפּגעשניטענע, הויכע און דינע זאַנגען, מיט זייערע באַ־בערדלטע לאַנגלעכע קעפּלעך לייכט און רונד איינגעבויגן, ווי זיי וואָלטן מיט בענקשאַפט געקוקט צו זייער מוטער, די שוואַרצע ערד, און געוואַרט אויף דער מינוט, ווען זיי וועלן פון זייער שטאַם אָפּגעשניטן ווערן.

וועלכע ווינטן וועלן נאָכדעם בלאָזן אויף זייערע נאַקעטע, טרוקענע שטאַמען? און אויף וועלכע ערדן און אין וואָס פאַר אַ לענדער וועלן די קערנדלעך ווידער אויפלעבן?...

טו

דאָס איז געווען פאַרנאַכט. הער גאָלדענבאַרג און אייזיק זיינען אַהיים פון פעלד געקומען. אייזיק האָט געפירט די פערד און גאָלדענבאַרג איז געגאַנגען ביי זיין רעכטער זייט מיט דעם ליידיקן וואַסער קריגל איבער זיינע אַקסלען.

זייער געשפּרעך האָט זיך געדרייט אַרום דעם: „פאַר וואָס דער פערד־יונג האָט נישט געענדערט זיין פּלאַן?"... און וואָס פאַר אַ צוועק איז דאָס פאַר גאָלדענבאַרגן געווען ביז איצט צו בויען

זיין היים אָט דאָ, אין דער ווייטער וועסט?״...

דער פערד־יונג האָט געהאַלטן זיינע אויגן פאַר זיך און געערדט מיט היץ:

— גענוג דריי יאָר. נישט די מיטלען פאַר מיין צוועק האָבן מיך דאָ געהאַלטן אַזוי לאַנג. ניין! ערשטנס, האָבן איך אייער הויז זייער ליב באַקומען, און איך האָב נישט געקאָנט קומען אויסכאַפּן מיינס און אַנטלויפן. איך האָב געוואָלט, אַז עס זאָל פון מיין זייט אָט־אָ־דאָ בלייבן עפּעס... צווייטנס איז ביי מיר געווען אַן אַנדער מיין, איך האָב געוואָלט זען, צי קען איך ביישטיין דעם נסיון.

— איך פאַרשטיי נישט, ווען איר פאָרט גלייך פון וואַנען איר זייט צום ערשטן אָפּגעריסן געוואָרן, — האָט גאָלדענבאַרג געזאָגט. — איר פאַרשטייט, איינמאָל אויסגעריסן אַ בוימעלע פון זיין ערד... אָבער איצט וועט שוין זיין שווער.

— דאָס איז מיר אינטערעסאַנט, איך וועל זען, צי עס וועט מיר זיין שווער.

— קינדיש, קינדיש! ווילט איר אַ היים בויען, וואו איר זאָלט קאָנען אומעטום טרעטן מיט אייערע פיס און זאָגן: „עס איז מיינס!״ איז נישטאָ קיין זייער גרויסער דיפערענץ, וואו עס זאָל נישט זיין, דאָ אָדער אין אייער פּאַלעסטינע... פאַרקערט, דאָ האָט איר מערער גוטע שאַנסן... ערד אַ פרוכטבאַרע איז צו באַקומען, הייבט די מאַשינעס און געמערק...

— מיט וואָס?

— פרעגט ביים אַלטן עלקינס.

— ביי מיר איז יאָ דאָ אַ גרויסער, אַ גאָר גרויסער דיפערענץ, — האָט אייזיק כמעט ווי אויסגעשריגן דאָס וואָרט „דיפערענץ״.

— וואָס האָט ער צו זאָגן אויף מיין היים.

— אָט, אָט, ער זאָגט עס עפּעס זיכערער: „אָט דאָ, וואו איך טרעט איז מיינס!"...

— זאָגט אויך זיכער, ווער לאָזט אייך נישט.

— פון מיר איז אָפּגערעדט. איך וועל עס נישט זאָגן, ווייל איך פיל, אַז עס וועט נישט זיין געזאָגט...

אייזיק האָט נאָך געהאַט אייניקע טיפערע אַרגומענטן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אָנרירן אַ וואונד אין הער גאָלדענבאַרגס נשמה...

נאָר אַז עס איז געקומען פרייטאָג פאַרנאַכט, און אייזיק האָט, ווי תמיד, די שנייד־מאַשין פון פעלד אויף שבת אַהיים גע־בראַכט און זי אין דעם מאַשין־הויז אַריינגעשלעפּט, האָט ער מיט זיך אַליין געטראַכט, אַז אַזוי וועט ער זיך פירן דאָרט...

אין פּאַלעסטינע וועט עס האָבן אַ טעם: אין די רו־טעג זאָלן רוען אויך דיינע בהמות און אויך דיינע מאַשינען...

ביי אַלעמען אַרום און אַרום וועט עס אויך אַזוי זיין... אָבער דאָ האָט עס נישט קיין זין, איינער און איינציקער אויף אַזאַ ווייטער פּרערי, און אַז עס קומט שבת לאָזט מען איבער אַ קליין שטיקל ווייץ נישט דערשניטן...

„גוט איז אים, וואָס ער האָט נישט קיין קינדער, האָט אייזיק ווייטער געטראַכט, ווי צוויי פּרושים זיינען זיי אָט אַ דאָ פאַרוואָרפן... און וואָס איז אַ היים אָן קינדער?... און ווי קען זיין אַ היים אָן אַ סביבה?!..."

הענריק עלקינס האָט זונטאָג געלעזן די „גלאַדסטאָנער פּרעסס" און אויסגעפונען אין די טאָפּיקס וועגן זיין ברודער יאָהאַן און דאָס מיידל דבורה גאָלדענבאַרגס.

אַ שלעכט אויג האָט ער געהאַט אויף זיין ברודער פון תמיד, האָט ער איצט אויף אים אָנגערעדט צו זיין פאָטער, דעם אַלטן עלקינס...

דער אַלטער איז געוואָרן אַן אָנגעצונדענער:

— צו אַלע גיין און פערציק טייוואָלים! מיט וועמען האָט ער עס אָנגעהויבן!... איך האָב געוואוסט, אַז קיין גוטס וועט פון זיין חברשאַפט מיט דעם יידן נישט אַרויסקומען!... איך וועל זיך דאָס שעמען מיין פנים אין גלאַדסטאָן אַרויסצוווייזן!...

יאָהאַן איז דאַן געווען אויפן הויף און געפּוצט זיין פערדל מיטן קעמל און באַרשט.

דער אַלטער איז אַרויס צו אים, אין זיין האַרץ האָט עפּעס אַ הייזעריקער כעס געזאָטן. ער האָט זיך צוריק געקערט אין הויז אַריין, נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט הענריקן:

— ווי איז דאָס געווען זאָגסטו?!

— זי איז געלעגן אין פעלד, האָט זי יאָהאַן געפונען און אהיים געבראַכט, און דערפאַר באַקומט ער דאָס מיידל אַלס זיין ווייב און לאַנד פיל דערצו...

דער אַלטער איז ווידער אַרויס אין דרויסן, מיט זיין „דזשי-מיפּייפ" אין מויל, האָט פאַרלייגטביידע הענט אויף הינטן, און ווי אַ קאַץ צו אַ מויזן-לאָך, איז ער מיט שטילע, קליינע טריט צוגעגאַנגען צו זיין זון יאָהאַן, און פלוצים אויסגערופן:

— גוט מאָרגן, הער יאָהאַן!

יאָהאַן האָט תמיד נישט געמאַכט קיין סך רייד מיט זיין פאָטער, און איצט, אַז ער האָט דערפילט די סאַטירישע ווענדונג, האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט צו אים.

האָט דער אַלטער אַ שטויס געטאָן זיין זון אין פּלייצע:

— איך זאָג אייך גוטן מאָרגן, גנעדיקער הער!

יאָהאַן האָט זיך אַ האַסטיקן דריי געטאָן מיט זיין גאַנצן דינעם און שלאַנקן גוף:

— נאָר נישט געשטויסן, פּאַפּ! איך וויל נישט מען זאָל מיך שטויסן אין פּלייצע!

— האַ, האַ, שוין באַקומען פליי אין דער נאָז!

— מעג זיין פליי, אָבער איך וויל נישט, מען זאָל מיך שטויסן!

— ניין און פערציק טייוואָלים זאָלן דיך שטויסן! הערסט! — שרייט אויס דער אַלטער, אויפהויבנדיק זיין רעכטע האַנט מיט אַ האַרטן פויסט צו יאָהאַנס פּנים, — איך וועל דיר ווייזן צו זיין אַ העלד און זיך איינצוקויפן אין יידנס הויז אַריין...

— איך ווייס נישט, וואָס איר רעדט, פּאַפּ, און גלויב, אַז איר אַליין ווייסט פון אייך נישט פון וואָס איר רעדט און ——

— שווייג! איך צעברעך אין דיר אַ יעדן ביין!

— האָפּ! — טוט יאָהאַן אַ מאַך צו זיין פאָטער, אַקוראַט ווי ער וואָלט אָפּשטעלן אַ צעווילדעטן פערד.

— „האָפּ“ זאָגסטו, — האָט דער אַלטער אויסגעגלאָצט זיי- נע גרויע אויגן, און די גרוילעכע לאַנגע ברעמען האָבן זיך אויסגעשפּיצט, — „האָפּ“ זאָגסטו?!...

און עלקינס האָט אָנגעכאַפּט זיין זון מיט ביידע ברייטע הענט אַרום האַלז און אים אָנגעהויבן טרייסלען אַהין און אַהער.

יאָהאַן האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס קעמל און די באַרשט. זיין פּנים איז געוואָרן פלאַם-פייער, און מיט איין האַנט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין זיין פאָטערס צעקנעפּלטן העמד, פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשטעקט עלקינס באַוואַקסענער ברייטער און פלאַטשיקער האַלז און אַ שטיק פון זיין ברוסט-ביין.

אַ ווײַלע האָבן זיך פאָטער און זון געראַנגלט.

און יאָהאַן האָט מיט דער הילף פון זיין לויזער האַנט זיין

פאָטער צו דער ערד אַוועקגעלייגט און איז אַליין אויך נאָכגעפאַלן.

פון אָנפאַנג איז יאָהאַן געווען פון אויבן. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין עלקינס געלעגן אויף זײַן זון, ווי אַ שפּין אויף אַ פליג, מיט זײַנע ברייטע גראָבע פיס צעשפּרייט און אײַנ־געגראָבן אין דער גראָזיקער ערד, און מיט זײַנע הענט האָט ער אַלץ פעסט געהאַלטן זײַן זון אַרום גלאַטן ווייסן האַלז, און פון זײַן ברוסט איז אַלץ ארויסגעקומען אַ הייזעריקער געבייזער:

— כ׳ל דיר ווייזן, ווי זיך אײַנצוקויפן אין אַ הויז פון אַ טײַוול אַ יידן!... מײַן פּנים ווע׳ל איך נישט קאָנען ווייזן אין גלאַדסטאָן!...

יאָהאַנס פערדל איז זיך געשטאַנען אַ צוגעבונדענער צו אַ סלופ און געקוקט, און האָט זיך איטלעכעס מאָל געפּרוּווט אָפּ־רייסן, באַפרייען פון סלופ און האָט נישט געוואַגט אַ שטאַרקן שלעפּ טאָן מיט זײַן האַלז... דער הונט „טאַיג" איז אַנגעלאָפן און זיך צעלאָזן אין אַ מוראדיקן קייכיקן בילן.

דער הונט איז געשפּרונגען דאָ צום אַלטן עלקינס און דאָ צו יאָהאַנען, ווי ער וואָלט זיי וועלן צערייסן, און ווייטער גע־בילן, און איז אַוועק צום הויז.

הענריק איז אַרויס אַ קוק טאָן, צי עס קומט עמעץ פון וועג, און ער האָט דערהערט דאָס הייזעריקע קול פון זײַן פאָטער. ס׳האַרץ האָט אים אַ זאָג געטאָן, אַז עפּעס מוז דאָרט זײַן. ער איז אַוועק, דער הונט לויפט פון פאָרנט און בילט. הענריק האָט די סצענע דערזען פון ווייטן, און אַ דערשראָקענער איז ער צו־געלאָפן, און זיך גענומען בעטן ביים פאָטער: „פאַ, פאַ, פאַ!" — עס האָט נישט געהאָלפן.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז זײַן ברודער יאָהאַן איז בלייך ווי אַ טויטער, און באַלד, נאָך אַ מינוט און זײַן פאָטער וועט יאָ־

האַנבען דערוווּערגן, און אַלץ צוליב אים איז דאָס אַלעס געשען. ווען ער זאָל נישט געווען דערציילן זיין פאָטער, וואָלט דאָן געווען גוט.

עס איז אים באַלד אַרויף אין געדאַנק אַלעס, וואָס ער האָט געהאַט קעגן זיין ברודער יאָהאַן. די שווערסטע אַרבעט און די שמוציקסטע מוז ער טאָן. יאָהאַן פאַרט זיך תמיד אַרום ווי אַ ספּאָרט אויף זיין פערדל, יאָהאַן האָט אַלע שענסטע מיידלעך אויף דער פּרערי, יאָהאַן וויל גאָרנישט טאָן אין פעלד, נישט אין שטאַל, נישט אין הויז, זינט די זעליקע מוטער איז אַוועקגעגאַנגען אויף יענער וועלט... און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז דער פאָטער וועט צומאַכן מיט זיינע אויגן, וועט יאָהאַן קומען צום גרייטן. ער איז קלוג און וועט שוין וויסן, ווי זיך צו פירן; וועט אים, הענריקן, גאָר אינגאַנצן אַרויסשטופּן...

נאָר פונדעסטוועגן האָט ער אַ קוק געטאָן אין יאָהאַנס בלייכן פּנים און ער האָט זיך איינגעבויגן און אָנגעהויבן צו שטופּן זיין אייגענעם קערפּער צווישן דעם פאָטער און יאָהאַנען.

עס איז אים אָבער נישט געלונגען זיי פאַנאַנדערצונעמען.

דאַן האָט הענריק זיך נאָך אַמאָל אָנגעהויבן צו בעטן ביי זיין פאָטער:

— פאַ, פאַ, פאַ!

דערווייל האָט יאָהאַן מיט זיינע לעצטע כּחות געבריקעט מיט זיינע פיס אין פאָטערס בויך אַריין, און וואָס מערער ער האָט געבריקעט זיין פאָטער, אַלץ פעסטער און מיט מער כּעס האָט אים דער פאָטער געוואָרגן.

הענריק האָט אַ טראַכט געטאָן, און אַוועק אין שטאַל און באַלד צוריקגעקומען, און מיט פאַרביסענע ליפּן צווישן זיינע

צײַנער, האָט ער גענומען שמײַסן מיט אַ לאַנגער, װײכער בײַטש זײַן פּאָטער איבערן קאָפּ.

עטלעכע טעג נאָך יענעם אינצידענט, זײַנען אַלע דרײַ, דער אַלטער עלקינס און זײַנע זון, העבריק און יאָהאַן, אַרומגעגאַנגען װי פרעמדע, נישט גערעדט און נישט געקוקט אײנער צום אַנדערן.

דער אַלטער עלקינס איז געװעזן אין שטעטל, און עס איז אים אױפן װעג אײַנגעפאַלן אַרױסצעלאָזן אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז ער פאַרקױפט זײַן פּלאַץ און פירט זיך אַריבער קײן קאַנאַדע.

ער האָט זאָגאַר געשמועסט מיט דעם „ריעל-עסטײט" אַגענט, אַז װיבאַלד עס װעט זיך טרעפן אַ קונה מיט פופצן טױזנט דאָלאַר, װעט ער אים זײַן פּלאַץ אָװעקגעבן מיט אַלעס און איטלעכעס.

צוריק פאָרנדיק אַהײם, האָט ער זיך געטראַכט: סאַי װי סאַי מוז מען מאַכן פּלױטן. הײַנטיקע װעלט װיל נאָר פּלױטן! אַמאָל איז געװעזן פרײַ, מען האָט נישט גאַדאַרפט װיסן, װאו עס גרענעצט זיך אײַנעמס פעלדער. הײַנט װיל מען פּלױטן...

אין קאַנאַדע װעט אים זײַן אַזױ גוט װי דאָ. אומעטום, װאו עס איז נאָר דאָ אַ קריסטלעכע נשמה, דאַרף מען נישט קײן פּלױטן...

און עלקינס איז גאָר געװאָרן אַן אַנדער מענטש. ער פּלעגט זײער פיל רױכערן, אײנס נאָך דאָס אַנדערע.

דער הױף איז אים שטאַרק נמאס געװאָרן און האָט אים אָנגעהױבן צו פאַרדריסן. שױן אַריבער פינף און צװאַנציק יאָר, אַז עס װאַלגערן זיך דאָרטן אַרום אַלטע װעגענער, צעבראָכענע רעדלעך און שטיקלעך פון אַלטע פאַרראָסטעטע מאַשינעס.

דער שטאַל איז אים אױך נמאס געװאָרן, און בײַ די

חזירים פלעגט ער ווערן נערוועז, און ס׳רוב ווערן אין כעס און אָנכאַפּן אַ חזירל ביי אַן אויער און עס דרייען אין דער לופטן. און ווען ער האָט זיך אַליין געפרעגט וואָס ער טוט, האָט עפּעס אין אים געענטפערט:

— עס, וויגציקער מיט א חזירל דעם פרעמדן רוח!

ייינע ברויטן האָט ער פאַרלאָזן, און זיי זייבען איצט, נאָך מער ווי תמיד, פאַרפּיקעוועט געוואָרן מיט ווילדע קרייטעכער. אייניקע שויבן פון די פענסטער פון זיין הויז האָט דער האָגל אויסגעקלאַפּט, האָט ער זיי מיט אַלטע זעק פאַרשטעקט, וואָס עס האָט דעם הויז צוגעגעבן אַן אָפּגעלאָזענעם ווילדן אויסזען.

און גערעכט האָט ער זיך געגעבן:

— ניין, איך וועל נישט דערלאָזן יידיש בלוט אין מיינע דורות אריין!...

ער איז נאָך מער פוילער געוואָרן, און פלעגט זיך לעגן שלאָפן פרי אין אָוונט און אויפשטיין שפּעט אויפן מאָרגן. די קי פלעגן רעווען פון הונגער אין שטאַל. די חזירים פלעגן מאַכן געוואַלדן, און די פערד פלעגן קלאַפּן אין די דילן פון שטאַל מיט זייערע פיס.

— זאָל שוין קומען דער קונה! — איז געוועזן דער איינ-ציקער געבעט, וואָס דער אַלטער עלקינס פלעגט מורמלען אויפ-שטייענדיק און לייגענדיק זיך...

און צו זיין פאַרטרויאונגס זון, הענריק, האָט ער אַזוי איינמאָל געזאָגט:

— אין קאנאדע איז נאָך דאָ און דאָ אַ סך לענדער, וואָס דער טייוול האָט נאָך נישט אָנגערירט... איך וויל שוין מער נישט טאָן גאָרנישט, איך וועל זיצן אין הויז און רויכערן. די האָב חתונה, באַזעץ זיך דאָרט אויף אַ שטיק ערד און הויב אָן דיין

וועלט... פופצן בעשעלס ווייץ קאָן מען אַרויסבאַקומען פון דער קאַנאַדער אַקער ערד. דאָ איז די ערד שוין אָרעם, ווי דער טויט און מען דאַרף זי נאָך באַפּוצן מיט פלויטן...

— און יאָהאַן? — האָט הענריק אַריינגעשטעלט מיט אַ נישט זיכערן טאָן.

— יאָהאַן... דערמאָן מיר נישט זיין נאָמען! זאָל ער דאָ בלייבן. דערמאָן אים נישט!...

הענריק האָט אַפילו הנאה געהאַט פון דעם, וואָס זיין פאָטער וויל נישט מען זאָל דערמאנען יאָהאַנס נאָמען, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם, וואָס זיין פאָטער שאַרט אים אונטער צו בויען זיין אייגענע וועלט און חתונה האָבן... ער האָט גאָר נישט געוואוסט, פון וואנען מען הויבט אָן פריער... גאָר נישט, אָט אַזוי עס זאָל זיך גיין ווי עס איז געגאַנגען ביז איצט, וואָלט געווען גוט. ווי אַזוי הויבט מען אָן אַן אַנדער מין וועלט?...

יאָהאַן איז אַרומגעגאַנגען אין הויז, ווי אַ קלוגע קאַץ, ווען זי האָט עפּעס אָפּגעטאָן ביים טעפּל מיט דער סמעטענע, אַלעמען אויסגעמיטן דעם וועג, זייער ווינציק געשלאָפן און איז זייער פיל אַרומגעפאָרן רייטנדיק איבער דער פּרערי און אין שטעטל. צו די גאָלדענבאַרגס אין הויז האָט ער עפּעס נישט געקאַנט קומען.

ער האָט געפילט, אַז ער האָט דאָ עפּעס פאַרקאַכט... ווי אַזוי זאָל ער זיך ווייזן פאַר דבורהן אין די אויגן. וועט זי אים נישט אַרויסוואַרפן פון הויז?...

אַ סך מאָל האָט ער זיך געלאָזן פאָרן צו גאָלדענבאַרגס הויז, זאָל זיין וואָס עס וויל זיך! און נישט אויסגעפירט זיין פלאַן.

פון דעסטוועגן האָט ער געוואַרט אויף אַ גוטער געלעגנהייט.

דער שבת איז ביי די גאָלדענבאַרגס אין הויז אַוועקגע־גאַנגען זיין געוויינלעכן אומעטיקן און איינזאַמען וועג.

פרוי גאָלדענבאַרג האָט אָנגעגרייט ווייסע ברויט, געפילט מיט ראָזינקעס, און אַלערליי מאכלים פֿון איר אייגענעם גאָרטן (זי פלעג זיין שטאָלץ אויף איר אייגענעם גאָרטן, איבער וועלכן זי אַליין פלעגט פון צייט צו צייט אַרבעטן); זי האָט אויך אָנגע־גרייט עטלעכע פליישן, ווי געבראָטענע ברוסט, געקאָכטע ריפּן און אַ געפילטע הון מיט מעל און שמאַלץ.

הער גאָלדענבאַרג און דער פערד־יונג זיינען געווען פאַר־נומען אַ גאַנצן אין דער פרי מיט לייכטע קלייניקייטן אַרום הויז, שטאַל און הויף.

דבורה האָט געלייענט די צייטונגען און זשורנאַלן. און קו־מענדיק איבער דער נאָטיץ אין דער גלאַדסטאָנער צייטונג, איז זי פריער געוואָרן בלאַס, און באַלד האָט זי אָנגעהויבן צו פיבערן מיט איר גאַנצן קליינעם קערפּער.

עס איז איר נאָכאַמאָל אויפגעקומען די זעלבע מאוסקייט, וועלכע זי האָט געפילט די גאַנצע צייט פון איר ליגן אין יאָהאַנס שויס, ווען ער האָט זי פון דער פרערי אַהיים געבראַכט.

זי האָט געוואָלט אַ רוף טאָן צו איר מומען, נאָר אַזוי ווי זי האָט דעם געפיל פון מאוסקייט געהאַלטן פאַרשלאָסן אין זיך, און געטהאוסט האָט זי, אַז אויב זי וועט עס די מומען דער־ציילן, וועט איר אַליין, דבורהן, נאָך מערער נישט גוט ווערן אויפן האַרצן, האָט זי דערפאַר געטראַכט, אַז פאַר איר איז בעסער דאָס אין זיך אַליין דערשטיקן, און אָט די קליינע נאָטיץ, וואָס יאָהאַן האָט אין צייטונג אַריינגעגעבן, מוז זי אויך פאַרניכטן, קיינער אין הויז זאָל דערפון נישט וויסן.

און זאָל ער קומען נאָך איר האַנט!

זי האָט די נאָטיץ פון צייטונג אַרויסגעריסן און אים אין קליינע פיצלעך צעפליקט.

— אַ העלד — האָט זיך דבורה געטראַכט, ווערנדיק בלאַס פון איבערלעבער אויפרעגונג, — ווען זי זאָל נישט געווען זיין אַזאַ נאַר, וואָלט זי באַדאַרפט אין מיטן וועג אַרונטערשפרונגען פון זיין שויס און אַליין אַוועק אַהיים!...

און נאָכדעם, אַז איר אָנקל האָט זיך גענומען בלעטערן אין די צייטונגען, האָט זי געציטערט ווי אַ פיש, ער זאָל נישט קומען איבער יענעם אָרט, וואו זי האָט אויסגעריסן די נאָטיץ...

עס איז, צו איר גליק, אַלעס אַריבער גלאַט.

מען האָט, ווי געוויינלעך, אָפּגעגעסן דעם מיטאָג.

דער פערד-יונג איז אַוועק אין זיין צימער זיך אויסרוען.

הער גאָלדענבאַרג מיט דער פרוי זיינען אַוועק אַ קוק טאָן אויף דעם ווייץ אין די שאָקן. זיי האָבן אַפריער געפרעגט ביי דבורהן, צי זי וועט נישט האָבן דאַגעגן צו בלייבן איינע אַליין. דבורה האָט זיך מחיה געווען מיט דעם, וואָס זי וועט קאָנען בלייבן איינע אַליין. — „פאַר וואָס נישט, גייט געזונטערהייט!“...

ווען מאַן און ווייב זיינען אַרויס אין פעלד, האָט זיך די פרוי גאָלדענבאַרג אָנגערופן צום מאַן:

— עפּעס איז דבורה אַזוי בלאַס, באַמערקסט?...

— אַ קלייניקייט אַזאַ וויטאָג! און דערשראָקן זיך אויך.

— נישט דאָס מיין איך. עפּעס איז זי בלאַס... האָסט נישט געזען מיטוואָך אָוונט, אַז דער פערד-יונג איז אַריין, ווי זי איז מיט אַ פרייד אַרונטער קעגן אים... זי האָט גאָר פאַרגעסן אָן איר פוס...

— זאָל זיין מיט גליק... מען דאַרף אָבער פריער אַ פרעג

טאָן ביי דער שוועסטער... אפשר וויל זי דבורהן אָפנעמען אין שטאָט אַריין.

— ווער וועט זי לאָזן צונעמען פון מיין הויז...

— זיי וואָלטן אונזער הויז באַצירט מיט פרייד. אָבער...

— וואָס? — פרעגט רחל ווי אָנגעשראָקן.

— אָבער אייזיק האָט זיין באַשלוס נאָך נישט געענדערט.

— ער וויל טאַקע אַוועקגיין. איך האָב געמיינט, איצט אַז עס איז דאָ אַזאַ מיידל אין הויז...

— ער זאָל נאָך נישט מיטשלעפּן דבורהן...

— גיי שוין, גיי, איך וועל מיט איר אַ רעדט טאָן, — און זי וועט שוין אַלעס ביי אים פועלן.

— און זיי וועלן זיך ליב האָבן, און זיי וועלן אַ קינד האָבן, — האָט רחל ווי אויסגעזוזגען, — וועל איך זייער קינד ליב האָבן, ווי עס וואָלט געווען אונזער טאָכטערס אַ קינד...

— קאָנסט זיך נאָך אָנשמעקן מיט דעם און אויך...

— איך שוין נישט...

— ביזט נאָך יונג גענוג!

— איך שוין נישט... מיין צייט איז שוין אַוועק מיט דעם ווינט... איך וואָלט שוין באַדאַרפט האָבן דערוואַקסענע קינדער און צוקוקן ווי זיי לעבן...

— רעד נישט אַזוי, נאַרעלע, עס איז ביי גאָט אין די הענט. אַלעס האָבן מיר מיט אונזערע אייגענע הענט זיך גענומען, און די אייבציקע זאַך האָט גאָט פאַרקוקט... עס קאָן נאָך קומען...

— און עס וועט שוין נישט קומען.

— וועסטו זען.

— זאָל דער פערד־יונג זען ביי דבורהן...

— און אַז דבורהלע וועט דיר דערציילן דעם ערשטן סוד?...

— וועל איך זי אַ קוש טאָן.

פרוי גאָלדענבאַרגס פּנים האָט זיך געדרויטלט, און זי האָט פרזימעריש ווייטער געצויגן:

— איכל זי קושן און זי היטן, אַז זי זאָל קיין שווערע זאַכן נישט טאָן. זי וועט ביי מיר די שוועל פּאַמעלענקע אריבערטרעטן...

— איך זאָג דיר, אַז דו וועסט זיך אָננעמען מיט דעם... האָבן זיך אונזערע הייליקע מוטערס פון חומש דען נישט אָנגענומען פון אַנדערע ווייבער...

— היינטיקע צייטן האָב איך נאָך נישט געהערט, אַז אַ פרוי פון אַריבער פערציק זאָל — — —

אַזוי רעדנדיק, זיינען זיי צוגעקומען צום פעלד, וואו דער ווייץ איז געשטאַנען איינגעהילט אין גאָלד, איין שאָק נאָכן אַנדערן.

— זינט די וועלט איז אַ וועלט האָט נאָך קיינער אַזוי גוט נישט געשניטן, — האָט הער גאָלדענבאַרג באַמערקט.

— הערסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — זאָגט רחל, ווי זי וואָלט זיך פּלוצים דערמאָנט אין אַ זייער וויכטיקע זאַך, — אָט דער אייזיק איז אַ גוטער אַרבעטער, נאָר מיר געפעלט ער נישט. ער איז אַ „קרענק".

זי האָט נאָך געוואָלט רעדן, נאָר עפּעס האָט הער גאָלדענבאַרג אַ מאָדנעם קוק געגעבן אויף איר, און זי האָט גענומען גיין נאָך אים און געשוויגן.

באַכדעם ווי דבורה איז אַרונטער פון בעט, האָט זי אָנגעהויבן צו פילן אַן אַנדער מין אינטערעס אין דעם לעבן אויף איר אָנקעלס פּרערי. זי האָט זיך גוט אַרייַנגעגומען אין מח איר מו-מעס ווערטער: „אַז דער, וועמען אַ פערד וואַרפט ניט אַרונטער, איז גאָר קיין רייטער נישט". און זי האָט זיך פון פערד-יונג אויסגע-לערנט ווי אָנצוזאָטלען אַ פערד, און נישט אַכטנדיק, וואָס „קיטי" האָט זי איינמאָל אַרונטערגעוואָרפן, פלעגט זי דוקא נעמען „קיטין" און זי אָנזאָטלען און אָפט אַרויסרייטן.

רייטן פלעגט זי אין פעלד אָן אַ צוועק, און אָפט אַזוי אָפּרייטן אַ פּאָר מייל און זיך אַליין כאַפּן, אַז זי איז שוין ווייט פון דער היים. „און וואָס האָב איך געטראַכט: פון גאָר נישט!..." עס איר אָבער גוט געווען צו רייטן און צו טראַכטן. פלעגט זי עס טאָן אָפט און נאָר מיט „קיטין", ווי זי וואָלט וועלן ווייזן דעם דאָזיקן פערדל, אַז זי האָט נישט מורא פאַר אים.

און דער פערד-יונג, אייזיק, האָט איר אין דעם געהאָלפן:

— זאָלסט נישט שרייען, ווען דו זיצסט רייטנדיק אויף אַ בראָנקאָ-פערד. נור איין שפּראַך ווייסט דער פערד: „גיב אים אַ רייב מיט ביידע פיס אין די פלאַנקן!..." — פלעגט ער איר געבן צו דערקלערן מיט זיין באַדייטפולן, פעסטן טאָן, און דערביי ווי זיך געבייזערט.

דבורה האָט נישט געגליכן דעם „בייזער" און זיין טאָן, ווי אויך אייניקע אַנדערע מאַנירן זיינע.

צום ביישפּיל, ווען דער פערד-יונג פלעגט לאַכן, האָט ער עס געטאָן, ווי עס וואָלט דונערן אין די הימלען.

זי האָט פיינט געהאַט צו קוקן אויף זיין פאַרוואַקסן, האָריק פּנים, און ער פלעגט, ווי טראָץ עמעצן, זיך אָפט נישט גאָלן.

עס פלעגן אַמאָל אַוועק עטלעכע וואָכן, און זיין פנים פלעגט באַוואקסן ווערן מיט אַ געדיכטן שוואַרצן בערדל.

דבורה האָט איינמאָל געמאַכט אַ שמועס מיט דער מומען אירער פון דעם, און עס האָט זיך אויסגעלאָזן:

— הערסט, — האָט די מומע געזאָגט, — מענער זיינען אַ סך שענער מיט אַ באָרד, ווי מיט אַ גלאַטן פנים.

דבורה האָט נישט געהאַט און נישט געוואָלט עפּעס זאָגן קעגן די מומעס מיינונג. יענע קאָן נאָך באַמערקן, אַז זי רעדט צופיל וועגן דעם פערד־יונג חסרונות.

און זי האָט זייער נישט געוואָלט, אַז מען זאָל איצט אַנטפּלעקן די געפילן, וועלכע האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן צו אויפוויקלען אין איר הארץ.

דערווייל האָט זי זיך אָנגעהויבן מער אַריינקוקן אין דעם פערד־יונגס באַוועגונגען. און זי האָט אויך דערפילט אַ ביי־גונג צוצוטרעפן זיינע פאַרלאַנגען:

דעם זאָטל האָט זי אויפגעהאַנגען תמיד אויף דעם אייגענעם פלאַץ, וואו זי האָט עס גענומען, און אַז זי פלעגט אַרונטערנעמען דאָס צוימל פון „קיטין״, פלעגט זי די לייצעס אַזוי פאַרבונדן אין די צוימענריגנען, ווי אייזיק האָט עם איר איינמאָל געוויזן צו טאָן.

און גליקלעך האָט זי זיך געפילט, אַז איר טאַנטע האָט איר געהייסן דאָס צימערל, וואו דער פערד־יונג פלעגט שלאָפן, אויפצוראָמען.

זי האָט שוין דעם ליילעך אויפן זיין בעט אַזוי גלאַט פאַרציגן און דאָס קישעלע אַוועקגעלייגט אַזוי, אַז עס זאָל אים זיין נישט שטאַרק הויך צו קאָפּנס און ער זאָל קאָנען אָנסרוען זיינע אָנגעהאָרוועטע ביינער

און נאָכדעם ווי זי איז געווען עטלעכע מאָל אין זיין צימערל, האָט זי זיך דערוואוסט פון דעם באַרג ביכער, וועלכע זיינען דאָרט געלעגן אין אַ ווינקל אויפן דיל אָנגעוואָרפן, אַז ער איז נישט אַזוי פּראָסט און פאַרגרעבט, ווי ער קוקט אויס.

האָט זי זיך גענומען מערער אינטערעסירן מיט אים, וואָס ער טוט אין די אָוונטן.

באַלד נאָכן עסן, כמעט יעדן אָוונט, עס מעג זיין „געדו־נערט און געבליצט", פאַרנעמט ער זיך אין זיין צימערל אַריין.

דבורה פלעגט פאַר אים שוין אָנגיסן אַ פול לעמפל מיט נאַפט. און אַלע אין דער פרי איז דאָס געווען ליידיק. האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער לערנט אָדער ער לעזט זיינע גראָבע ביכער.

זי האָט נישט געוואָלט רעדן דערפון מיט איר טאַטע, ווייל די לעצטע האָט איר אמאָל געזאָגט, אַז דער פערד־יונג איז אַ מענטשן־האַסער.

— אַ מענטש ווייסט נור זיין צימערל...

— ווי קאָן אַזעלכער פיינט האָבן אַ מענטשן, — טראַכט זיך דבורה, — אַז ער האָט אַפילו די פערד ליב?...

נור רעדן טיפער וועגן דעם ענין מיט דער טאַטע האָט זי נישט געקאָנט.

און עס האָט זיך דבורהן גענומען דאַכטן, אַז ביי איר האָט זיך אָנגעקליבן אַזוי פיל צו רעדן, אָבער אַלץ אַזעלכעס, וואָס זי וואָלט עס נור אים אַליין געקאָנט דערציילן. און דערפאַר האָט זי געקריגן אַ חשק צו די זעלבע אַרבעטן, וואָס ער פלעגט טאָן.

הער גאָלדענבאַרגן האָט עס געשמייכלט, וואָס זיין שוועס־טערס מיידל פון דער שטאָט האָט זיך צוגעווינט צו דער פּרערי און ער האָט זיך אין דער שטיל מיט זיך אַליין געטיילט מיט

דער שמחה און אויסגעלייגט פּלענער פאַר איר צוקונפט מיט דעם פערד-יונג.

און ער פלעגט נאָך אונטערגעבן מוט און פאַרשטאַרקן די געלעגנהייט, אַז זיי זאָלן זיך טרעפן אָפט אַליין אויג אויף אויג אין פעלד. און אַז מען האָט געשניטן די אַלפאַלפאַ, איז דבורה אויך אַרויס אַרבעטן מיט דעם שאַרער.

זיי זיינען געבליבן אויג אויף אויג.

נאָך יעדן ראַנד אַרום דעם פעלד איז דער פערד-יונג געבליבן שטיין אויף אָפּצורוען די פערד, די מאַשין אָנצוואַזילן, און די שנייד-מעסערלעך מיט קאַלטע וואַסער צו באַוואַשן פון דעם טונקל-גרינעם אָנגעפּאָפּעכץ.

דבורה האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט מיט דעם שאַרער ביי דעם אייגענעם בּרעג פון פעלד, וואו דער פערד-יונג פלעגט זיך אָפּשטעלן, און אַזוי פלעגן זיי זיך איבערוואַרפן מיט אָפּגעריסענע ווערטער.

ביידע האָבן געהאַט זייער פיל אויף זייערע הערצער.

און דער פערד-יונג איז שטאָלץ געוואָרן, וואָס דבורה העלפט אים אין זיין אַרבעט, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי שיינט מיט טוייזנטער זונען. און ווי גלייך זי איז דאָס געזעסן אויף דעם שאַרער מיט די לייצעס אין די הענט! און ווי גלייך די ווינט-רייען זיינען דאָס געלעגן אין אַ פיר עקיקן קאַסטן אַרום דעם אַלפאַלפאַ פעלד!

אַ ווינטל האָט געבלאָזן.

און אייזיק האָט געטראַכט:

ווען איך וואָלט געווען דער ווינט און וואָלט זיך איבער די אַלפאַלפאַ רייען דורכגעבלאָזן!

יח

אין אָוונט, אַז הער גאָלדענבאַרג איז אַרויס אַ קוק טאָן פֿון זיין הויז צו דעם ווייטן פעלד מיט דער אָפּגעשניטענער אַלפּאַלפאַ, האָט ער געזאָגט, אַז עס זעט אויס ווי אַ סך, אַ סך ווייסינקע שעפעלעך זייגען זיך צוזאַמענגעלאָפן און זיך אויף דעם פעלד בעלייגט צו אָפּרוען איבער נאַכט.

דער פערד-יונג איז אויך אַרויס אַ קוק טאָן.

די זון האָט געהאַלטן ביים אַרונטערגיין פון יענער זייט באַרג אין מערב-זייט פון גאָלדענבאַרגס הויז.

דער פלאַכער און ברייטער טאָל האָט זיך גערויטלט און ווייך געמאַכט דאָס אָנגעשטרענגטע אויג.

עס איז געווען שטיל אַרום אויף ווייטע ווייטן

און העט אין מזרח אויף אַ באַרג האָט זיך דערזען אַ קליינע פיגור פון אַ פערד.

די גאָלדענבאַרגס האָבן זיך אויסגעזעצט אויף אַן אַלטן איבערגעקערטן שליטן, וואָס איז געלעגן נעבן הויז; דבורה האָט זיך נאָך באַשעפטיקט מיט הויז-אַרבעט און איז אַלע מאָל אַריין אין הויז און צוריק אַרויס. פון די טיפענישן פון דער ערד האָט אָפּגעקלינגען דאָס איידעלע ריטמישע געזאַנג פון אירע פיס.

דער פערד-יונג איז געלעגן צעשטרעקט אויף דעם גראָז, אונטערגעשפּאַרט מיט זיין רעכטן אָרעם און ערגעץ ווייט זיינע אויגן געצילט.

— נאָר די ווייסענקע שאָפעלעך, איך וואָלט שווערן... — האָט הער גאָלדענבאַרג איבערגעחזרט, קוקנדיק צו דעם ווייטלעכן אַלפאַלפאַ-פעלד.

— איך האָב שוין געשניטן אַלפאַלפאַ אין פאַרשיידענע ערטער, אָבער אַזאַ ווי די היינטיקע באַוואונדער איך! — האָט

דער פערד־יונג ווי אויסגעלאָזן אַן איבערלעכן לאַנגן געשפּרעך.

פלוצים האָבן אַלע אָנגעשטעלט די אויערן.

— מיר דאַכט, עס קומט אַ רייטער, — האָט הער גאָל־דענבאַרג געזאָגט.

דאָס קלאַפּן פון פערדישע פּיס האָט זיך דערנעענטערט.

דבורה איז אַרויסגעקומען פון הויז שנעל, און אין אָטעם אָנגעזאָגט:

— אַ רייטער קומט!

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, חוץ דעם פערד־יונג, און זיי־נען אַוועק צום פאָרנט פון הויז. צום הויז זיינען צוגעריטן צוויי רייטער און ביידע האָבן מיט איין מאָל אויסגעשריען:

— גוטן אָוונט!

— אָ יאָהאַן! גוטן אָוונט! — האָט הער גאָלדענבאַרג מיט גאַסטפריינטלעכקייט געענטפערט. — און וועמען האָב איך די ערע צו קענען? — האָט גאָלדענבאַרג געפרעגט אויף דעם צווייטן יונגן מאַן.

— דאָס איז מיינער אַ פריינט... איך האָב מיט אייך זייער וויכטיקעס צו שמועסן, — האָט יאָהאַן געזאָגט, כאַפּנדיק אַ בליק צו דבורהן, וואָס איז געשטאַנען ביים טיר פון הויז און זיך געטוליעט צו פרוי גאָלדענבאַרג.

— מיט מיר, זייער פיין, קומט אין הויז אַריין, — האָט הער גאָלדענבאַרג מיט אַ שמייכל געזאָגט.

יאָהאַן איז אַרונטער פון זאָטל מיט איין שפּרונג, ער האָט זיין פריינט אויך מיטגעבעטן, אָבער יענער האָט געקוקט דאָ צו דעם קאָפּ פון זיין פערד, דאָ צו דבורהן, וועלכע, ווי אים האָט זיך געדאַכט, לאַכט פון אים עפּעס אָפּ... און ער האָט בעסער אויס־געקליבן צו בלייבן אויפן פערד

ביידע פרויען זיינען צוריק אַוועק צום אַלטן שליטן, נאָכ־דעם ווי הער גאָלדענבאַרג האָט אַריינבאַגלייגט יאָהאַנען דורך דער אָפּענער טיר אין הויז אַריין.

דער פערד־יונג איז נאָך אַלץ געלעגן אויפן גראָז, ער האָט אַפילו נישט געפרעגט, ווער עס איז דאָרטן געקומען. זיין וועלט און זיין בליק זיינען געווען אין דער ווייטער ברוינלעך־טונקע־לער מערבשער אומבאַשטימטקייט...

דבורה האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן שליטן און מיט שרעק גענומען טראַכטן, אַז יאָהאַן איז דאָס איצט ווייזט אויס געקומען בעטן איר האַנט...

און פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיך פאַרטראַכט. איבער עפּעס אַ סיבה האָט זי זיך גראָד איצט ווידער דערמאָנט, ווי אַזוי איר שוין לאַנג געשטאָרבענע מאַמע איז צו איר געקומען איינ־מאָל פאַרנאַכט, ווען זי איז געזעסן גאַנץ אַליין אויפן שוועל פון הויז און געקוקט אויף דער שטילער און ליידיקער ווייטקייט... איר מוטער איז צו איר דאַן געקומען ווי אַ לעבעדיקע, מיט אַ גרויסער שאַל אויפן קאָפּ, און האָט זיך שטיל אַוועקגעזעצט נעבן איר און האָט ביי איר מיט רחמנות געפרעגט:

„טאָכטערל, אַוואו האָסטו זיך פאַרקליבן אין אַזאַ ווייטן לאַנד... צווישן פרעמדע?" — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאַכטלעכער און טונקעלער איז אויף דער פרערי געוואָרן און פון הויז אַרויס האָט זיך באַלד דערהערט הער גאָלדענ־באַרגס קול:

— רחל, רחל! קום נאָר אַריין. קום אַריין!

פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיך גלייך אַ הויב געטאָן און מיט שנעלע טריט גענומען גיין צו דער טיר פון הויז און דערביי געטראַכט:

„עס איז גאָר נישט"...

און זיך דערמאָנט:

„עס הענגען דאָך צווײ ביקסן אויפן וואַנט".

און זי האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן:

„וואָלטן נאָר צווײ קינדער פאַר די צווײ ביקסן אויפגעוואַקסן."

ווען הער גאָלדענבאַרג האָט אַרײַנגערופן זײַן פרוי אין הויז, איז פאַר דבורהן נאָך קלאָרער געוואָרן, אַז יאָהאַן איז דאָס טאַקע צוליב איר געקומען. און איבגעבצן דער עקל, וואָס זי האָט געפילט צו יאָהאַנען, האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן.

אין דרויסן איז פון דער טונקלקײט אַ פינסטערניש געוואָרן און מען האָט שוין נישט געקאָנט דערקענען דעם צווייטנס פנים.

מיט אַמאָל אָבער האָט זיך איבער דער צפון־זײַט פון דעם הויכן סקאָשנעם דאַך געגומען שפּאַרן אַ לײַכטער ווײַסער שײַן — ערגעץ אַרויף אויף דער אַנטקעגנדיקער זײַט פון הימל האָט אויפגעשײַנט דער „צפון־שײַן".

דבורה האָט זיך פאַרגעסן אין אַלץ, איז אויפגעשפּרונגען און פרײלעך אויסגעשריגן:

— דאָס צפון־ליכט! דאָס צפון־ליכט!...

דער פערד־יונג האָט זיך פון גראָז אויפגעהויבן, אויף זײַנע פיס אויפגעשפּרונגען און איז געבליבן שטײן מיט פאַרגאַפטע אויגן צום הימל געווענדט:

— וואָס ווילן דאָרט די גײַסטער פון די ווײַטע אײַזיקע לענדער? זײ שרעקן אונז מיט זײער שטראַליקן ליכט. און זע נאָר, ווי די שטראַלן הויבן זיך אין הימל אַרײַן, ווי פײַערדיקע זײַלן, און ווי זײ ציען ערגעץ אַהין, אַהין...

— שטעט מוזן דאָרט איצט ברענען — האָט זיך דבורה אָפּגערופן, צוקומענדיק גאָר נאָענט צו אים.

— און אויב עס זייגען דאָרטן דאָ שטעט וואָס ברענען, מוזן דאָס זיין יידישע שטעט — האָט דער פערד־יונג צוגעגעבן.

דבורה האָט זיך אומגעקוקט אויפן פערד־יונג. — ער איז געשטאַנען ווי אַן אייזערנער און איז געווען פאַרגאָסן פונם צפון־ליכט...

זי האָט זיך מיט אַמאָל צוגעפרעסט צו אים און געפרעגט:

— אייזיק, ווער ביסטו?... אייזיק!... איך קאָן דאָך דיך נישט. איך ווייס נישט, ווער דו ביסט. זיי נישט אַזוי באַהאַלטן. זאָג...

די נאַכט איז געווען פינסטער און ליכטיק און שטיל.

דער פערד־יונג האָט זיך אומגעקוקט אויף דער קליינער דבורה, האָט זי אַרומגענומען מיט דער גרויסער האַנט און געזאָגט:

— דבורה, איך האָב דיר אַ סך צו זאָגן, אָבער הער: איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז איך וועל אַוועק קיין פּאַלעסטינע און איך וויל אויך, אַז דו זאָלסט נישט מיינען אַז עפּעס קאָן מיך אָפּהאַלטן. קיין זאַך וועט נישט מאַכן צו ענדערן מיין באַשלוס, דאָרטן וועל איך בויען מיין היים און נישט ווי אַ פרעמדער צווישן פרעמדע... איך בין שוין געווען אַ פרעמדער אין דער גאַנצער וועלט און איך וויל שוין מער קיין פרעמדער נישט זיין. איך וויל צו דער היים פון אונזערע אבות, דאָרטן, ווען איך וועל זיך מיען און אַרבעטן פלייסיק, וועט דאָס נישט פאַרפרעמדט ווערן

— הער גאָלדענבאַרג מיינט, אַז אַלע שכנים האָבן אים דאָ ליב. און ער ווייסט נישט, אַז דער גוי איז שטיל און פאַרביסן. —

— אָט דאָ נישט לאַנג ברענג איך אַרויס אונזער שוואַרצן סאַמעטענעם אָגער קיין גלאַדסטאָן אויף אינספּעקציע... עס זייגען

זיך אַהין אָנגעפּאָרן אַ סך פּאַרמער פון אַרום און אַרום. דער רעגירונגס־דאָקטאָר באַטראַכט זייערע אַלעמענס פערד, און מיט אַלעמען איז גוט און פיין, קיינעם אַרט נישט, קיינער זאָגט גאָר נישט... נאָר ווען עס קומט צו הער גאָלדענבאַרגס פערד ציען אַלע אָן זייערע אויגן און איינער רעדט אַרויס:

„דאָס בלוט פון יעזוס האָט דער ייד אין זיין פערד אַריינגעגאָסן, ווי עס שיינט!...”

— און אין די אויגן רעדן זיי דאָך אַלע אַזוי פריינטלעך: „הער גאָלדענבאַרג” און „הער גאָלדענבאַרג!” און דאָס איז טאַקע דאָס אומגליק, דבורה: דער גוי טראָגט זיין גיפטיקע שנאה הינטן־אַרום.

— און אַז איך קום און דערצייל דאָס צו הער גאָלדענבאַרג, ווייל ער נישט גלויבן און דרינגט נאָך, אַז עס קאָן גאָר נישט געמאָלט זיין אין אַמעריקע. — די פּאָטערס פון דעם לאַנד זיינען געווען אַלע גלייך.

- יאָ, יאָ. די פּאָטערס פון דעם לאַנד זיינען געווען אַלע גלייך און אַלע גלייך האָבן געעפנט די טויערן פאַר דער גאַנצער וועלט. היינט אָבער זיינען זיך אַהער אָנגעלאָפן אַלערליי גוישע פעלקער, וואָס האָבן אין זייערע בוזעמס געבראַכט דעם האַס צו אַלץ, וואָס איז נישט גויש, דעם האַס וואָס זייערע מוטערס האָבן אין זיי אַריינגעגאָסן מיט דעם מי׳ך פון זייערע ברוסטן... זיי זיינען אַהער אָנגעקומען און האָבן פאַר זיך קלויסטערס געבויט און אין די קלויסטערס — שולן פאַר זייערע קינדער געמאַכט. און דאָרט אַוועקגעזעצט לערער, וואָס האָבן אין זיך אויך אַריינגעזויגט דעם גיפטיקן האַס צו אַלץ, וואָס איז נישט גויש...

— הער גאָלדענבאַרג דרינגט, אַז עס קאָן נישט געמאָלט זיין אין אַמעריקע.

— און איך זע, ווי בײַ זיך אויפן האַנט:

עס קומט דער טאָג, ווען פּלוצים וועלן זיך אַוועקשטעלן די „גוטהאַרציקע" גוישע בירגער קעגן דעם יידן, זיי וועלן אָפּער-נעמען דעם שאַרפן מעסער פון אונטער זייערע קליידער און וועלן עס אַרײַנשטעכן אין יידישן האַרצן אַרײַן...

דבורה האָט בײַ די לעצטע ווערטער זײַנע אַ ציטער געטאָן, און מיט שרעק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. זי האָט מיט אירע אָרעמס אַרומגענומען זײַנע פיס...

אין דרויסן איז געווען שטיל און דאָס צפון-ליכט האָט זיך פאַר זיי מיט הויכע זײַלן געשײַנט אויף דעם נאַכטיקן הימל.

דער פערד-יונג האָט אָנגענומען דבורהן פאַרן האַנט, זי אויפגעהויבן פון דער ערד און איז מיט איר אַוועק מיטן ווייץ-פעלד, צווישן די קופּקעלעך געבונדענע ווייץ-גאַרבן אַנטקעגן דעם צפון-ליכט.

די איבעריקע האַרטע ווייץ-שטאַמען האָבן זיך געבראָכן אונטער זייערע ביידענס פיס.

פון דעם נאָגטן און דאָך ווייטן און חייסן צפון-ליכט איז די פינסטערניש פון דער נאַכט געדיכטער געוואָרן.

זיי זײַנען געגאַנגען אָן אַ סוף. זיך גערדייט צווישן די רייען און ווייטער געגאַנגען און זיך צוריק אומגעקערט און דער פערד-יונג האָט דערציילט:

— מיר זײַנען ניין ברידער געווען. אַ טאַטן זייער אַ פרו-מען געהאַט. די מוטער האָט געהאַלטן אַ קליין קרעמל אין דאָרף, וואו מיר האָבן געוווינט. דער טאַטע פלעגט צוביסלעך אַרויסגיין אויפן דאָרף — האַנדלען מיט די גוים און פאַר אונז, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן אויפצוואַקסן, האָט ער אַ שטיק לאַנד אָפּגעדונגען און מיר האָבן עס מיט טאַבאַק פאַרזעצט...

דאָס דאָרף האָט געהאַט אַ שלעכטן שם אַרום און אַרום מיר, די ברידער, האָבן געהאַט אַ שם פאַר אונזער מוט צו וווינען אין אַזאַ דאָרף און נישט מורא האָבן פאַר די „גוים".

— און אין „יעגע טעג"... איז אין אַ נאָנטן שטעטל איבער איין הערינג, וואָס אַ ייד האָט צו אַ גוי אין אַ מאַרק־טאָג פאַר־קויפט, אַ ווילדער געשלעג אויסגעבראָכן, און האָט באַלד אַזוי דערשראָקן די יידן פון שטעטל, אַז מען האָט אונז, די ניין „שטאַרקע קינדער" (אַזוי האָט מען אונז גערופן) דורך אַ געהיי־מען שליח געשיקט רופן.

— מיר זיינען געקומען צו־שפעט... יידישע גוטס איז שוין געווען צעטראָטן אין די גאַסן. און ביי די יידישע טעכטער זיי־נען שוין די אויגן געווען אויסגעשטאָכן... געזאָגט האָט מען אונז, אַז די גוים פון אונזער דאָרף זיינען געווען די ערשטע אָנצוהייבן דעם בלוטיקן טאַנץ...

— מיר, אַלע ניין, האָבן פאַרביסן מיט די ציינער און אַוועק צוריק אין דאָרף און זיך געגעבן אַ שבועה נישט צו פאַרשווייגן...

— אַז מיר זיינען צוריקגעקומען שפעט אין אָוונט פו שטעטל, האָבן מיר געפונען אונזער הויז אָפּגעברענט... דאָס גאַנ צע דאָרף איז געווען שטום און פינסטער. אַלע זיינען געשלאָפן..

— אונזערע בהמות זיינען געלעגן מיט אויפגעריסענע מאָגנס און אונזער טאַטע מאַמע האָבן מיר גערופן און זיי האָבן נישט געענטפערט... האָבן מיר זיך צעשפרייט איבער דעם פינס־טערן שטומען דאָרף, און עס איז געווען ווי עמעץ האָט מיט אונז גערעדט פון איין זאַך און מיר האָבן אַלע צוגעשטימט עס צו טאָן...

— מיר האָבן דאָס דאָרף אין אַלע עקן אָנגעצונדן. און

דאָס פייער פון איין הויז האָט דאָס צווייטע פאַרכאַפּט... עס זיי־
נען מיט שטרוי די דעכער געווען באַדעקט און טרוקן, פון די
מאַרצאָווע ווינטן... מיר האָבן די אַרבעט אָפּגעשטאָן און זיך צוזאַ־
מענגענומען אויף דעם הויכן באַרג, וואָס איז געשטאַנען קעגן
דאָרף...

— עס האָט זיך אויפגעהויבן קעגן שטאָק־בלינדן הימל אַ
געדרייטער, טונקעל־רויטער פלאַם. און עס איז דער הימל אויף
מיילן ווייט העל רויט געוואָרן, און עס איז געווען שטיל אַ צייט,
און נאָר דאָס קנאַלן פונם פייער, וואָס האָט איבערן דאָרף זיין
אַפּעטיט געשטילט... עס האָבן זיך צעקלונגען, ווי דורך אַ כשוף
פון ווייטן, גלאָקן פון קלויסטערס... עס האָט זיך דאָס דאָרף גע־
ברענט און עס איז פון די הייזלעך קיין קרעכץ נישט געקומען...
די שטיינער פון דעם באַרג זיינען הייס געוואָרן און מיר זיינען
שוין אַלע געשטאַנען אויף דעם שאַרפן אָפּשניט פון באַרג, אויף
דער גרויסער סקאַלע, וואָס מיר האָבן פון אונזער יוגנט אָן גע־
רופן דעם „רוחס מעסער". מיר האָבן געקענט זען אויף מיילן
די פעלדער און וועלדלעך, וועלכע האָבן אויסגעוויזן ליכטיק, ווי
זיי וואָלטן ברענען...

עס האָט פון ווייט אַ גאַלאָפּ פון פערד אָנגעהויבן צו קו־
מען, און באַלד האָבן מיר אויף דעם וועג אין אונזער דאָרף
אַ צעוואָרפענע מחנה רייטער דערזען. און נאָך די רייטער זיי־
נען וועגענער געפאָרן. די פערד אין די וועגענער האָבן מיט זיי־
ערע פיס די ערד נישט באַרירט, אַזוי ווילד זיינען זיי געלאָפן
און נאָך גיכער זיינען די רייטער געפלויגן און אַ ווילדער, שכור־
רער געאָכצעריי האָט זיך געטראָגן פון די העלזער פון די רייטער
און פון די וועגן־טרייבער, און אַז זיי האָבן זיך דערנענטערט
צום ברענענדיקן דאָרף, האָבן מיר באַלד דערזען אונזער טעות...

— ... דאָס זייַנען די גוים פון אונזער דאָרף געווען אין ערגעץ אַן אַנדער דאָרף אויף אַ שמחה.. זיי האָבן זייער אַר־בעט אין יידישן שטעטל אָפּגעטאָן און עס איז אַ שמחה פאַרטרונקען...

— ... און באַלד האָט מיין עלטערער ברודער געטאָן אַ פּאַטש מיט ביידע הענט און איז אַרונטער פונם שאַרפן שטיין אין אָפּ־גרונט, און איידער מיר האָבן נאָך געקענט הערן דעם שטומפּיקן אָפּקלאַנג פון אָפּגרונט איז דער צווייטער ברודער מיט אַ פריי־לעכן „האָך" אַרונטערגעשפרונגען... און דער דריטער און פערטער האָבן עפּעס געזונגען אַזוי באַנק... און ווען דער פינפטער און זעקסטער זייַנען אַרונטער אין אָפּגרונט האָבן זיי גאָר נישט גע־זאָגט, נאָר מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט אויף זייערע ברוסטן. און דער זיבעטער און אַכטער האָבן אַ קוק געטאָן צום ברענענדיקן דאָרף און צו דער נאָענטער מחנה פון אונ־זערע דאָרפס־גוים, וואָס זייַנען אָנגעקומען מיט זייערע ווייבער און די יונגע בחורים פון דאָרף, וואָס זייַנען געריטן אויף זייערע יונגע פערדלעך מיט ווייסע פּאַטשיילעס, אין די גריוועס אַריינגעפלאָכטן...

— ... אַז עס איז געקומען צו מיר, האָט זיך פלוצים אונזער פּרומער פּאָטער, אין ווייסן באַצויגן, באַוויזן און מיך פּאַר מיינע אַקסלען אָנגעכאַפּט... איך האָב געהויבן מיינע פיס, מיין האַרץ איז אין מיר צעשפּרונגען געוואָרן, און ער האָט מיך געהאַלטן און געזאָגט:

— "... עס זאָל מיין דור נישט אָפּגעמעקט ווערן!... גיי אַוועק אין אַ פרעמדן, ווייטן לאַנד און הייב אָן צו בויען פון דאָס ניי!... בוי אויף אַ היים, און אַז דיין ווייב וועט דיר געבוירן אַ קינד, זאָלסטו ביי זיין וויגעלע אים פון דעם אַלעם דערציילן, און דער עיקר זיין מוטער זאָל עס אויך פריער וויסן... זי זאָל עס אין איר מילך דעם קינד אין זיין בלוט אַריינפליסן... גיי אַוועק!..."

נאָך דער צפון-ליכט נאַכט זײַנען אַוועק עטלעכע טעג.

הער גאָלדענבאַרג האָט זײַן אַלפּאַלפּאַ אין די סטויגן אַרײַנגעלייגט און נאָכדעם דעם ווייץ געדראָשן.

און אין צווישן די אַרבעטן איז אים אָפּטמאָל אויפגעשווימען דער געדאַנק וועגן דעם, וואָס דער יונגער יאָהאַן עלקינס האָט פון אים געוואָלט.

לכתחילה האָט עס בײַ אים אויסגעזען, ווי עמעץ זאָל קומען צו אים און אים זאָגן:

„גיב מיר אַוועק דײַן האָב און גוטס, אומזיסט!"

אָדער:

„פאַרנעם זיך פון דאַנען!"...

און נאָכדעם איז דאָס בײַ אים אַזוי אויסגעקומען:

„דעם פערד-יונג וויל ער דאָך נור, אויב זי, דבורה, זאָל אים וועלן. וועט ער איר דאָך נישט גיין איינרעדן דוקא דעם פערד-יונג.

און נאָך עפּעס אַנדערש.

מען זיצט צווישן זיי שוין אַזוי לאַנג. מען טיילט זיך מיט דער אַרבעט, מען אָטעמט דיזעלבע לופט;

איז ווי, אויב דבורה זאָל צוקומען און זאָגן:

— אָנקעל, יאָהאַנען האָב איך די הערע פאָרצושטעלן אַלס מײַן...

„איי, וואָס מײַן טאַטע האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישע טאָכטער, און וואָס — האָט גאָלדענבאַרג געטראַכט, — איך אַליין האָב רחלען פאַר אַ ווײַב און וואָס דבורהס מוטער האָט אויך אַ יידן פאַר אַ מאַן, איז נאָך קיין באַווײַז נישט, אַז דבורה מוז נור חתונה האָבן מיט אַ יידן.

„זי קאָן נאָך זיצן און וואַרטן אָט־אָ־דאָ אויף דעם יידן איר חתן, ער זאָל קומען צו גיין, ביזן גרויען צאָפּ..."

עס איז געקומען די צייט פון ווייץ־דרעשן.

העד גאָלדענבאַרג איז, נאָך דעם מנהג פון יענער געגנט, אַרויס איינלאַדן די שכנים צו קומען העלפן דרעשן זיין ווייץ, און ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מאָדנעם נייעם קלאַנג.

מען האָט ביי אים געפרעגט: „וואָס איז די אורזאַכע פאַרוואָס דער אַלטער עלקינס פאַרקויפט זיין היים"... און וואוהין פאָרט ער אַוועק... דערביי האָט מען עפּעס מאָדנע ביי אויף גאָלדענבאַרגן געקוקט.

— דער אַלטער עלקינס פאַרקויפט?!... — האָט זיך גאָלדענבאַרג געוואונדערט.

עפּעס מאָדנע ביי און אומהיימלעך האָט דאָס צו אים געקלונגען...

און ווען ער איז אַוועק צום אַלטן עלקינס אים איינלאַדן, ער זאָל קומען העלפן דרעשן, האָבן זיי זיך באַגעגנט און נישט געקענט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין.

— איך וועל קומען פריער פאַר איטלעכן, — האָט דער אַלטער עלקינס געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן אויף הער גאָלדענבאַרגס איינלאַדונג.

וועגן זיין אַוועקגיין פון דאַנען און וועגן דעם פאַרקויפן פון זיין היים האָט ער נישט דערציילט, און הער גאָלדענבאַרג האָט אים נישט געפרעגט.

און דער אַלטער עלקינס איז טאַקע געקומען פריער פון איטלעכן מיט צוויי פערד אין דעם לייטערנעם וואָגן איינגעשפּאַנט. און אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָג, האָט דער אַלטער פלייסיק און עפּעס מיט אַ נייעם אויסזען אַלעמאָל אונטערגעפירט צו דעם מאַשין אַ פולן וואָגן מיט ווייץ־גאַרבן.

יאָהאַן איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן, נאָר ער איז נישט געקומען.

הער גאָלדענבאַרג האָט געהאַט קרענקונג דערפון.

ער האָט דאָך אים נישט געזאָגט „ניין".

קומט אַ יונג בעטן די דערלויבניש אויף דבורהס האַנט... מען זאָגט אים, גיי פרעג ביים מיידל... וו ס האָט ער זיך אָנ-צובראָגזן ?...

און נאָכן מיטאָג, אַז עס איז געקומען די געלעגנהייט, אַז אַלע מענער האָבן זיך צעזעצט, ווער אין דרויסן אויף דעם אַלטן איבערגעקערטן שליטן און ווער אויף דעם גראָז אין שאָטן, צו כאַפּן אַ „סמוק", האָט הער גאָלדענבאַרג אַ פרעג געטאָן ביים אַלטן עלקינס, וואו יאָהאַן איז ערגעץ... און וואָס ער מאַכט אין זיין געזונט...

— אין אַלדע רוחות און געזונט ווי אַ רוח... — האָט על-קינס געענטפערט מיט אַ האַסטיקן ציִ פון זיין פּיפּקע, אַ קרומען שפּיי אין אַ זייט אַריין. — ווער האָט איבער דעם צו שאַפן היינ-טיקע צייטן... ווען איך בין אין זיינע יאָרן געווען אין דרעש צייט, האָב איך געדאַנקט גאָט, אַז איך האָב געקענט שלאָפן ביי דער נאַכט...

פרוי גאָלדענבאַרג האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן, ווען איר מאַן האָט דערמאָנט יאָהאַנס נאָמען, זי האָט נישט געוואוסט פאַר-וואָס, נאָר פונדעסטוועגן האָט זי נישט פאַרפעלט צו הערן דעם אַלטן עלקינס ענטפער און זי האָט צייטלעך באַמערקט:

— וואָס אַמאָל איז נישט היינט... יאָהאַן איז אַ קלוגער בחור... איך האַלט פון אים זייער פיל...

— זיין מאַמע איז געווען אַ קלוגע בהמה, עך, עך, — האָט עלקינס זיך צעלאַכט — פאַרוואָס-זשע זאָל ער נישט זיין

קלוג, אָבער זי איז דאָך געווען מיזאַם און פּעיק ווי צען מענער צוזאַמען...

— אָ, ער וועט זיך אַ ווייבעלע נעמען, וועט ער אַנדערש זיין, פלייסיקער ווערן — פּרוּווט פרוי גאָלדענבאַרג...

— אַ ווייבעלע, וואָס נאָך? — מאַכט דער אַלטער עלקינס און ציט אָפּ די רערל פון פּיפּקע, — עס איז לייכט צו זאָגן אַ ווייבעלע. וואו נעמט מען זי?

— ווינציק מיידלעך ביי די שכנים? — שטעלט אַריין הער גאָלדענבאַרג — נאָר זעט, אַז דער עלטערער זון זאָל פריער חתונה האָבן...

- עט, טאַ, טע, — צעקאָכט זיך עלקינס און טוט זיך אַ קראַץ מיט די גראָבע אומגעלומפּערטע פינגער אין זיינע האַרטע-גרוי-שוואַרצע האָר פון קאָפּ. — מיידלעך ביי די שכנים... עס איז לייכט צו זאָגן, מיידלעך ביי די שכנים... מיר זיינען דאָ אַלע פרעמדע טייוואָלים... יעדער טייוול האָט זיך זיינע געגנגעלעך... אָט, ווען ער זאָל זיין אַ לייט, מיין יאָהאַן, שרייב איך אין דער אַלטער היים און מען שיקט פון זייבעטווענן אַרויס אַ מויד...

דערווייל האָט פון ווייטן פעלד די דרעש-מאַשין אַ שאַרפן פייף געטאָן, אַלע מענער האָבן זיך געכאַפּט און אוועק צו דער אַרבעט. פרוי גאָלדענבאַרג איז געבליבן מיט דבורהן אויג אויף אויג.

זיי האָבן פלינק געוואַשן די געשיר און דער קול פון פּאָר-צעליי און דאָס שטומפּיקע קלינגען פון גאָפּל. לעפל און מעסער האָבן זיך געיאָגט איינס נאָך ס'אַנדערע.

ביי פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיך יעצט זייער פיל געטראַכט וועגן אָט דער קליינער דבורהלען... ווי גיך זי האָט דעם טעלער איינגעטונקט אין דער גרויסער מאַרקעטע מיט הייסער וואַסער..

די וועט שוין זיין איינמאָל אַ ווירטן!... און ווען דער יאָהאַן זאָל האָבן אַ יידישן טאַטן!...

עס איר אַרויפגעקומען דעם אַלטן עלקינס ווערטער: „מיר זיינען דאָ אַלע פרעמדע טייוואָלים"... — די אַרבעט צעטיילט מען צווישן זיך, מען העלפט זיך איינער דעם צווייטן מיט געלט... און ווייטער קאָן מען שוין נישט גיין... „יעדער טייוול האָט זיך זיינע געגגעלעך"... וואָרום זאָל עס אַזוי זיין?...

איר האָט זיך זייער פאַרוואָלט צו דורכרעדן זיך מיט דבורהלען וועגן דער זאַך, און זי האָט טאַקע געוואָלט אויסגעפיגען, צי האָט יאָהאַן מיט איר פון עפּעס שוין געשמועסט- יאָ, אַ רחמנות אויף יאָהאַנען, ווי ער בעט זיך: „מיר קומט דבורהס האַנט... איך האָב זי פון דער פרערי געבראַכט און גאָט האָט מיר איר יונגן לעבן געשענקט"... און יאָהאַנס אומגעלומפּערטער פאָטער רעדט גראָב: „פרעמדע טייוואָלים"...

פרוי גאָלדענבאַרג האָט אַ טראַכט געטאָן:

ווען עס וואָלט געווען מיין בלוט און מילך, אָט די פליגקע, קליינע דבורה, וואָלט איך יעצט אויך געשיקט אין שטאָט צווישן יידן נאָך אַ יונג אַ יידישן... נאָר זי זאָל כאָטש נישט אַריינפאַלן... ווייל מיט דעם פערד-יונג — ווער ווייסט, צי עס וועט עפּעס ווערן. און דערצו — גלאַט וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָר, אָט די שטיפערישע דבורה און אָט דער יונג, וואָס ווייסט נאָר אַרבעטן, עסן אין זיין צימערל... נאָר וואָס איז דבורה אַזוי שפּעט אין יענער „צפון-ליכט" נאַכט געגאַנגען שלאָפן?...

און פרוי גאָלדענבאַרג ווענדט זיך צו דבורהן:

— האָסטו געמעגט, דבורה, זען ווי דער פערד-יונג האָט היינט געשלונגען דעם „רובאַרב-פּיי"... פע, אַ מאַנספערשוין זאָל אַזוי ליב האָבן צו נאַשן...

דבורה האָט שוין פון דער מומע נאָך פריער געהערט אַ פּאָר ענגלעכע באַמערקונגען, האָט זי זיך אָנגעברוגזט און געזאָגט:

— מומעלע, איך האָב ליב צו זען, ווי אייזיק עסט.

— אַזוי?!

— הו־הו!

— אוי וויי, אָט פאַלט אַרונטער דער פּאַלומעסיק! — טוט פרוי גאָלדענבארג פלוצים אַ פאַרדריי דעם געשפּרעך.

דבורה האָט אַרויפגערוקט דעם פּאַלומעסיק אַביסל העכער און בײַט אַ קינדערישן טאָן געזאָגט:

— ווייסט איר, מומעלע, איך גיי — —

— וואוהין גייסטו?

— וואוהין אייזיק —

— משוגע צו מעטירע...

— אוי, מומעלע איך גיי.

— גאָט זאָל שומר ומציל זיין, וואָס רעדסטו קינד מיינס? דאָ בײַ מיר ביסטו די גרויסע און בײַ דײַן מאַמען וואָלסטו געווען נאָך גאָר אַ קליינטשיקס, יאָ, אָט אַזאַ קליינטשיקס!...

אַ מינוט האָבן זיך ביידע פרויען אָנגעקוקט... דאַן.

— איך וועל אַוועקגיין, מומע!

— דײַן מאַמע האָט דיך צו מיר אין די הענט געגעבן און איך וועל דיך אָפּהיטן!...

— איך קען זיך שוין אַליין אָפּהיטן.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט, דער פערד־יונג?!

— נישט קיינעמס דאגה.

— זע נאָר, אַן עזות, זי אַרויסגעפירט צו דער צפון־ליכט און איר געעפנט די אויגן... נעבעך שלעכט זי באַהאַנדלט!... זאָג, פעלט דיר עפּעס בײַ מיר״

— מיר פעלט גאָר גישט, איך האָב די גאַנצע וועלט!..

— אזוי?!

— הו, הו!...

— די גאנצע וועלט!... ער וועט דיך אין ערגעץ וויים אַוועקפירן און וועסט זיין דאָרטן אייביק אַליין...

— מומעלע, איך בעט אייך, מומעלע, נעמט זיך נישט צום האַרצן דערפון... איך וועל שוין האָבן אַ סך פרייד אונטער דעם דאַך, וואָס ער וועט פאַר מיר פון ווייסינקע שינדעלעך אויפקלאַפן...

— אַזוי?!

— הו, הו!...

— איך וויל נישט, זאָלסט אזוי ריידן צו מיר, הערסט?

— הו, הו! הו, הו! — קרימט איר נאָך פרוי גאָלדענבאַרג.

איז דבורה גאָר אַנטלאָפן אין איר צימערל און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעטל מיטן פּנים צו דער וואנט...

פרוי גאָלדענבאַרג האָט מיט אַ פייכטן כּעס אין אירע גרויס־לעכע אויגן געענדיקט אין קיך די נאָכמיטאָגדיקע אַרבעט. און צולעצט האָט איר אָנגעהויבן באַנק צו טאָן, פאַר וואָס זי האָט זיך מיט דבורהן אָנגעהויבן.

איר כּעס האָט זיך איינגעשטילט. זי האָט זיך באַלד צו־ריקגעכאַפּט און געגומען מאַכנפלענער, ווי אזוי דבורהן איבערצו־בעטן, דער עיקר, ווי אַזוי צו פארגלעטן די גאַנצע זאַך, אַז עס זאָל נישט אַרויסקומען אויף דער ווייסער וועלט... זי איז טאקע באַלד אַוועק, געכאַפּט דעם בעזעם און אָנגעהויבן צו קערן דאָס עס־צימער און אַ רוף געטאָן:

— דבורהלע, וואו ביסטו?

— קיין ענטפער.

זי קערט ווייטער, רייבט דעם דיל מיטן בעזעם אויף איין

פלאַץ. און ענדלעך לאָזט זי פאַלן דעם בעזעם און לויפט אַריין אין דבורהס צימערל, טוט אַ פּאַטש מיטביידע דלאָניעס:

— ווי איז צו מיר, דבורהלע, וואָס איז מיט דיר?... — איך האָב נור אַ שפּאַס געמאַכט. גאָט ווייסט דעם אמת, אַז אַלץ איז דיינס... איך וועל עסן אַ טרוקן שטיקל ברויט און וואַשן דיינע קליינע פיסעלעך און טרינקען דאָס וואַסער... זיי מיט אונז... זיי נאָר מיט אונז, דבורהלע. בלייב מיט אונז.

דבורה האָט נישט געענטפערט. אין שטוב איז געוואָרן שטיל. פון פעלד האָט זיך געטראָגן אַ פריילעכער הוזשען פון דער דרעש-מאַשין, ווי עס וואָלט ערגעץ אויף דער פרערי אַ חתונה זיין. און פון צייט צו צייט האָט דער מאַשיניסט גערופן מיט זיין הייזע-ריקן פייפל. אָט דריי באַזונדערע פייפלעך, דאָס האָט געהייסן, אַז מען זאָל ליידיקע זעק ברענגען: גאָט האָט געגעבן אַ סך ווייץ... און אָט אַ געדרייטער, טרויעריקער פייף, אַז מען זאָל ברענגען וואַסער, וואַ-סער!...

פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיך צוגעזעצט אויף דבורהס בעטל און איר אָנגעהויבן צו גלעטן אַרום קאָפּ און אַרום פּנים.

זי האָט געטראַכט:

— צו וואָס די גאַנצע מי?... איינעם גיט גאָט קינדער און צן אַנדערן גיט ער צו די קינדער...

דבורה איז געלעגן מיט אַ קינדערשן קאַפּריז, אַריינגעביסן צווישן אירע ברוינע ליפּן און געטראַכט:

צוויי וועגן זיינען פאַר איר אָפן... דער פערד-יונג וועט קומען צו רייטן פון הינטן און וועט זי אַ כאַפּ טאָן.

און זיי וועלן זיך אַוועקיאָגן...

זי וועט האַלטן אירע אויגן פאַרמאַכן. ערשט עט, עט ווייט, וועט זי עפענען די אויגן און זיך אַזוי פרייען!

און פרוי גאָלדענבאַרג איז לאַנג געזעסן נעבן דבורהן און געטראַכט:

שוין איבער צוואַנציק יאָר, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט הער גאָלדענבאַרגן. פון ערשטן טאָג אָן האָט מען זיך געמיט און געפּלאָגט.

עס דערמאָנט זיך איר אַ צייט אין אַ ווינטער. עס האָט אויף דער פּרערי געשנייט. און ווען עס שנייט אויף דער פּרערי און דו זיצסט אין הויז און קוקסט דורך דעם פענצטער, דאַכט זיך דיר אויס, אַז עס איז קיינער נישטאָ אויף דער וועלט חוץ דיר און נאָך עפּעס אַן אַלטער ווייס-גרויער פּרוי, וואָס זיצט ערגעץ און ציט אויס ווייסינקע, פלאַקסענע פעדעמלעך אויף דעם שפּינער...

עס האָט געשנייט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. עס זיינען פאַרווישט געוואָרן אַלע וועגן און פּלויטן. דאָס הויז איז איינגעהילט געוואָרן אין שניי ביז איבער די פענצטער. מען האָט באַדאַרפט וואַסער אין הויז אַריין, מען האָט באַדאַרפט אַרויסגיין צו די פערד און קי, זיי עסן צו געבן.

האָט מען ביי טאָג אויסגעשניטן אַ שטעגל אין טיפן שניי צום ברונעם און צום שטאַל, איז עס דורך נאַכט נאָך אַ מאָל פאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי.

געלט איז געווען אין הויז. ברויט פאַר זיך און פאַר די בהמות אויך גענוג — נאָר איינע אַליין אָפּגעשניטן פון אַ גאַנצע וועלט. און די ווייסע, אַלטע פרוי ציט נאָך אַלץ איר פלאַקס, איר ווייסינקן, ווייכן פלאַקס... און קיין קינד איז אין הויז נישטאָ. האָט גאָלדענבאַרג געזאָגט:

עס איז אַ רחמנות אויף די קו, זי בויגט זיך אין דרייען און עס וואַרפט איר אַ צאָן אָן אַ צאָן פון קעלט. די פערד

האָבן אַ סך שטרוי אָנגעבעט אונטער זייערע פיס און גייען אַרום פריי אין שטאַל, איז זיי וואַרעם, אָבער די קו קאָן איך נישט לאָזן אַ פרייע צווישן די פערד, אַ רחמנות אויף דער בהמה...

האָט מען די קו אַריינגענומען אין הויז אַריין. עס איז געווען וואַרעם. בייטאָג און ביי נאַכט האָט דער גרויסער אייזער־נער אויוון געברענט. קוילן — פון די אייגענע פעלדער.

קיין קינדער איז נישטאָ. האָט מען ביינאַכט פאַרבראַכט מיט די בהמה.

זי האָט נאָר געוואָלט אַ לעק טאָן דעם הייסן אויוון...

און נישט איינמאָל האָט רחל געפרעגט ביי איר מאַן:

— צוליב וועמען?

וואָס וועלן מיר האָבן דערפון?

ער פלעגט ענטפערן:

— שווייג און וואַרט. גאָט וועט געבן אַזוי ווי ער גיט פון איין קערנדל ווייץ פינף און פערציק אַנדערע קערנדלעך.

און ווען זי האָט אים באַגעגנט אין ניו־יאָרק צום ערשטן מאָל, האָט זי אים שוין אָנגעהויבן צו גלויבן אין אַלעס. זי איז געווען אַן אַמעריקאַנער אויסגעוואַקסענע, ביי נאָענטע קרובים, די עלטערן פאַרלוירן נאָך אין די וויקעלעך. ער איז דאַן געווען נישט לאַנג אַריבערגעקומען אין ניו־יאָרק. און זי האָט גוט געקענט די לאַנד־שפּראַך און איז געווען הויך און שען און פלעגט קאָ־בען רעדן מיט אַ מענטשן און יענעם געווינען.

ער האָט קיין באַשטימטע אַרבעט נישט געהאַט און די מלאכות געביטן און זיך נישט געקאָנט צושלאָגן צו עפּעס רעכטס.

און געפרעגט האָט זי זיך אַליין:

אַזאַ מוטיק געזיכט, אַזוינע געזונטע הענט, קאָן די שטאָט קיין נוצן פון אים נישט האָבן?

ער האָט איר געזאָגט:

„אין שטאָט איז פאַר מיר איינג און איך פיל זיך אין כּח צו בויען אונזער היים אין ערגעץ אַ פריי אָרט...״

— אַוואו דו וועסט גיין, וועל איך אויך גיין, און וואו דו וועסט גליקלעך זיין, וועל איך זיך מיט דיר טיילן... — האָט זי געענטפערט.

און ער האָט געבויט די היים.

ער איז אַוועק מיט אַן אייזערנעם בריק. איך נאָך אים.

דאָס ערשטע יאָר אַ פעלד מיט בולבעס. מיר האָבן די בולבעס אויסגעגראָבן און נאָך דעם אייגענעם הערבסט די זעלבע פעלד מיט ווינטער-ווייץ פאַרזייט.

האָבן גוים געשמייכלט:

ווינציק ערד פאַראַן?

גאָלדענבאַרג האָט געטאָן זיינס. ווי גוט איז געווען ווען ער פלעגט איר אויג אויף אויג געבן צו דערקלערן פאַר וואָס ער טוט עס אַזוי. זי האָט אים געגלויבט.

אין קומענדיקן יאָר האָט ער „אויפגעריסן״ אַן אַנדער שטיק לאַנד, און ווען ער האָט נייע לאַנד „געריסן״, האָט ער עס געטאָן שטיל און פאַמעלעך און אָפּגעהיט, אַז יעדער פאַך זאָל זיין אי־בערגעקערט מיטן גראָז אַרונטער. און האָט זיך אַ פאַך פאַרוואָלט צו לייגן מיטן גראָז אַרויף, פלעגט זיך גאָלדענבאַרג נישט פוילן, און זיך אומקערן און עס פאַרטרעטן מיטן פוס.

און געאַקערט האָט ער נאָר אין גלייכע ליניען. תּמיד איז דאָס פעלד אַרויס אַ גלייכע — איין ברייט און איין לענג.

די שכנים האָבן זיך דערפון אויסגעלאַכט.

גאָלדענבאַרג געהאַט האָט זיין אייגענעם בליק און איז אַוועק מיט זיינע ציגענע כּחות און איז געווען דער האַר פון זיינע לענדער.

ער האָט אויף אויסנווייניק געוואוסט זיינע ערדן און אַלע ווינקעלעך פון זיין ראַנדזש, און האָט געדענקט וואו ער האָט דאָס קלענסטע טשוועקל אַוועקגעלייט.

ווייל דאָס מינדעסטע טשוועקעלע האָט ביי אים זיין אָרט געהאַט.

און האָט ער אַ טשוואָק אין ערגעץ אַריינגעקלאַפּט איז דאָס געווען אַ טשוואָק אַריינגעקלאַפּט פאַר זיך און פאַר קינדס-קינדער.

און ער האָט געזען, אַז די לענדער, וועלכע זיינען ווייט פון הויז, האָבן אויף זיך בערג און טאָלן און אין די טאָלן לויפן טייכלעך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז גוט פאַר פיטערונג.

און לייטזעליקייט אין זיינע אויגן האָבן געהאַט זיינע פערד זייער פיל. ווען די ווייס-גרויע קליאַטשע האָט אַ קליינטשיקס געבוירן, האָט מען עס געהאָדעוועט ווי אַ קליין קינד. עס איז אַזוי צוגעוויינט געוואָרן צו דער פרוי גאָלדענבאַרג, אַז עס פלעגט בישט וועלן זיין מיט איר מוטער און תמיד שטיין וואַרטן ביי דער טיר פון הויז, אַז פרוי גאָלדענבאַרג זאָל אים דערלאַנגען עפּעס אַ נאַשעריי.

אָדער הער גאָלדענבאַרג פלעגט אָנבויגן זיין קאָפּ און דאָס קליינע פערדעלע פלעגט אַרונטערכאַפּן זיין קאַפּעליוש און מיט דעם אַוועקבריקן און אַרומלויפן אַרום הויז און צוריקקומען שוין אָן דעם קאַפּעליוש.

— די שובענעק — פלעגט גאָלדענבאַרג פרעגן דעם פערדל, — וואו האָסטו פאַרוואָרפן מיין הוט ?

דאָס פערדעלע פלעגט שטיין און מאכן מיט זיין רונדן און גלאַנציקן קעפּל אַראָפּ און אַרויף. און מען פלעגט שטיין און זיך אָנלאַכן דערפון...

האָט הער גאָלדענבאַרגן איינמאָל אָנגענומען אַ חשק צו

פאַרפירן אַ שטאַם פון פערצעראַנער פערד, און עס זאָל זיין אין זיי די בלוט פון דער בראָנקא אַריינגעמישט. איז דאָס אויך רחלען געפעלן געװאָרן.

און אַז גאָט האָט זיי געהאָלפן, מען האָט צום פערטן יאָר פון זייער „היימעװען" אין דער װייטער װעסט, די ברוטן און די פלאַקס פאַרקויפט און די גוטע פרייזן אויך גענומען, איז הערר גאָלדענבאַרג אַװעק אין דער שטאָט מינעאַפּאָליס און געקויפט ניין מיידלעך-בראָנקעס און איין אָגער פון דעם אמת-ריינעם פערצע־ראַנער בלוט.

און זיי געבראַכט אַהיים און אַ טייל פון די בערגיקע און סאָליקע פעלדער אין דראָטענע פלויטן איינגעצוימט און די פערד-„מיידלעך" אַהין אַריינגעלאָזן.

האָבן די שכנים געלאַכט:

„אַ בראָנקא מיט אַ פערצעראַן איז אַזוי װי אַ קאַץ מיט אַן אינדיק..."

גאָלדנעבאַרג האָט אָבער געטאָן זיינס.

עס איז אַװעק גאָנץ צװיי יאָר און אויף גאָלדענבאַרגס פעלדער זיינען שוין אַרומגעלאָפן יונגע פערדלעך. שװאַרץ און גלאַט װי סאַמעט פון „טאַטנס" צד, און מיט אַ װייסינקן פלעק אויף דעם שטערן צװישן די אויגן פון דער „מוטערס" צד.

דאָס יונגע פערדל האָט געהאַט אַ רונדן און ברייט-ביינִיקן אויסזען, װי דער פערצעראַן און אַ דינעם, קורצן האַלז און אַ לייכטקייט אין די דינע, גלייכע פיסלעך, װי די בראָנקא.

א פערדל אויפגעצויגן און איין אַנדערס איז געקומען...

גאָט האָט אין דער פרעמד געגעבן אַלץ, נאָר נישט קיין קינדער.

כ

דער זומער איז געפלויגן צו זיין שנעלן סוף.

די אַרבעט אין גאָלדענבאַרגס פעלדער האָט זיך געטאָן איינע נאָך די אַנדערע, מיט א סדר.

דער פערד־יונג האָט געטאָן זיין אַרבעט אין צייט און מיט פלייס, כאָטש ער האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין.

געטראַכט האָט ער, פריער צו פאַרענדיקן אַלע אַרבעטן אין גאָלדענבאַרגס פעלדער, אויך העלפן אריינצונעמען די יונגע „פיליעס" אין דעם שטאַל אַריין אויף איבער ווינטער, אויך העלפן אָנצוגראָבן קוילן פון די אייגענע בערג אויפן גאַנצן יאָר.

און דאַן וועט ער פאָרן קיין ניו־יאָרק, די גרויסע וויג פון „יינע יוגנט חברים, זיך מיט זיי צום לעצטן מאָל אָפגעזעגענען. און איבערהויפט אַ קוק טאָן, וואָס די חברים פון „הפועל הצעיר" (ער איז געווען אַ מיטגליד אין אַזאַ פאַריין) דענקען צו טאָן עפעס פאַר פאַלעסטינע.

מיט דבורהן האָט ער מערער נישט געשמועסט, ווייל ער האָט פיינט געהאַט „שטרויענע העלדישקייטן", ווי ער האָט עס אַליין אַ נאָמען געגעבן. ער האָט באַגערט, אַז אין יענער מינוט, ווען ער וועט זיין פאַרטיק אָפצופאָרן, זאָל דבורה מיט אים אויך מיטגיין.

דבורה אַליין האָט זייער פיל געטרוימט.

און אַז זי האָט זיך דערוואוסט פון דער פאַמיליע עלקינס ווי זיי האָבן פאַרקויפט אַלעס און אַוועק קיין קאַנאַדע, האָט איר זייער באַנק געטאָן, וואָס זי האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט יאָהאַן זאָל קומען צו איר בעטן די האַנט. זי האָט אים כאָטש איינמאָל געוואָלט אַ שפיי טאָן אין פנים אַריין פאַר יענער מאוסקייט, וואָס

זי האָט געפילט אין זיין שויס, ווען ער האָט זי דאַן פון בּרעג־ווייז געבראַכט.

פון דעסטוועגן האָט זי עס פאַרבּאַהאַלטן בּיי זיך אין האַרץ און האָט עס גאָר קיינעם נישט דערציילט, אפילו נישט דעם פערד־יונג, אייזיקן, — פאַרבּאַהאַלטן האָט זי עס מיידלש, וואו אַלע אירע סודות זיינען געלעגן בּיז זי וועט שפּעטער מיט איי־זיקן זיצן אין זייער אייגענער הויז און דאַן וועט זי אין מינוטן אייב־זאַמע אים עס דערציילן... דערווייל האָט זיך איר געוואָלט עפּעס אויף אַ וואונדערלעכן אופן מיט דעם פערד־יונג פון פּרערי אַנטלויפן.

און אַז די פרוי גאָלדענבּאַרג פלעגט זיך בּיי דבורהן בּעטן און בּעטן: „ווי לאָסטו אונז איבּער איינע אַליין אָט אָ דאָ?...” פלעגט דבורה זיך עקשנען און באַלד דער מומען געבּן אין איינציקן אויסוועג: „פאַרקויפט, מומעלע, ווי עלקינס האָט פאַרקויפט...”

דערווייל זיינען אַלע אין גאָלדענבּאַרגס הויז אַרומגעגאַנגען ווי שטומע, איטלעכער האָט זיך געהאַט זיינע וועגן און זיינע מחשבות.

און עס איז געווען אין אַ רעגנדיקן טאָג אין חדש אלול בּיי הער גאָלדענבּאַרגן האָט מען אין אַ רעגנדיקן נישט געאַרבּעט אין פעלד.

רחל און דבורה האָבּן געטאָן זייערע אַרבּעטן אין קיך.

דער פערד־יונג און הער גאָלדענבּאַרג זיינען שוין פאַרטיק געוואָרן מיט די לייכטע אַרבּעטן אַרום הויז, שטאַל און הויף, און זיינען געזעסן אין גרויסן צימער און געלייענט, געריכערט געטראַכט.

הער גאָלדענבּאַרגס פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט טרויער און זאָרג. דאָס איז אים פאַרבּליבּן פון גאָר אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט מיט אַ צייט צוריק געהאַט מיט אייזיקן. ער האָט מיט

אייזיקן געשמועסט, אים פֿאָרגעשלאגן צו פֿאַרבלייבן דאָ אויף אַ פּעסט־געבויטער היים און אויף אַ פעסטער ערד און דער פערד־יונג האָט זיך דערפֿון אָפּגעזאָגט.

גאָלדענבאַרג האָט אָבער מיט אַלע כּחות געפרוווט פאַרבאָגן דעם וואָלקן פֿון צער אויף זיין פּנים, ווען ער פלעגט זיין אויג אויף אויג מיטן יונג.

און איצט, זיצנדיק מיט אים אין גרויסלעכן צימער, האָט גאָלדענבאַרג פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם פערד יונגס פּנים. אים האָט זיך פלוצלים געגומען דאַכטן, אַז דעם פערד־יונגס פּנים לויכט מיט עפּעס אַ מין פאַרבאָרגענעם געפיל...

„עפּעס גאָר אַן אַנדער מענטש!"...

גאָלדענבאַרגן איז אויפגעקומען אין געדאַנק יענע צייט פון זיין לעבן, ווען ער איז פון דער גרויסער שטאָט אין „דער ווייטער וועסט" אַוועק. וואָס האָט אים דען געפעלט אין ניו־יאָרק? ער האָט דאָך געהאַט קרובים... און פון דעסטוועגן האָט ער מיט רחלען געוואָלט חתונה האָבן נאָר אויף דעם תּנאי, אַז זי זאָל מיט אים מיטגיין אין דער ווייטער וועסט... און קיינער האָט אים דאַן נישט געקענט שטערן אין זיינע פּלענער.

ער איז געגאַנגען צו זיין צוועק מיט זיכערע טריט, און אַזוי גייט ער נאָך ביז צום היינטיקן טאָג...

— אייזיק, — רופט זיך פלוצים אָן הער גאָלדענבאַרג, — אייזיק, איך פאַרשטיי אייך. איך בין אויך אַזוי געווען ווי איר. אָבער איין זאַך וויל איך אייך בעטן. איך בין איצט אייך מודיע אַז אויב איר בלייבט ביי מיר, איז דאָס אַלעס וואָס הייסט גאָלדענבאַרגס ראַנדזש, אייערס! בלייבט מיט אונז. איך וועל ווייטער טאָן מיינע פליכטן ביז עס וועט שלאָגן די בלוט אין מיינע אָדערן... אייזיק, פאַרבלייבט מיט מיר, מיט אונז!

— איך וועל דאָ פאַרבלייבן, ביז איך וועל אייך אויסהעלפן אַריינצובריינגען די ברויטן, די „פיליעס" אין שטאַל אריינגעמען און אייך העלפן אָנוגראָבן קוילן, און דאַן — „גוד בײַ!".

— מ י ר העלפן! מוחל אַייך, אייזיק, מוחל, — האָט הער גאָלדענבאַרג פּלוצים געהערט זיין טאָן. — אויב איר ווילט פון דאַנען גיין, דאַן גייט אייך שוין!

די פרויען אין קיך האָבן דערהערט גאָלדענבאַרגס געשריי, ווייל די לעצטע ווערטער: „גייט אייך שוין!" זיינען אַרויס מיט אַ זייער אויפגערעגטער הויכער שטימע. זענען זיי געקומען אַריינצולויפן אין שטוב אַריין.

— וואָס איז געשען?

— וואָס איז געשען, אָנקל?

— אַנטשולדיקט, — האָט זיך הער גאָלדענבאַרג אויפגעהויבן פון זיין אָרט און געגומען שפּאַנען איבערן צימער, — אַנטשולדיקט. די פּרערי האָט אין מיר ווילדקייט איינגעפלאַנצט. איך האָב צו אייך שטרענג גערעדט. איך וויל נישט, אַז איר זאָלט רחמנות האָבן אויף מיר. ווייל אַזוי ווי איר, אייזיק, האָט אייער צוועק אין אייער פּאַלעסטינע, אַזוי האָב איך מיין צוועק אָט אָ דאָ אויף דער פּרערי... אויב איר ווילט נאָך פאַרברענגען אייניקע טעג מיט אונז, וועט איר זיין גאָר אַ גוטער גאַסט — די אַרבעט אין פעלד און אין שטאַל וועל איך אַליין טאָן...

— אַ גאַסט?! ווער האָט עס האָט צייט צו זיין אַ גאַסט? איך פאָר נאָך היינט אין רעגן, אַוועק!...

— איך פאָר אויכעט! — האָט דבורה געגומען שפּרינגען איבערן צימער, איך פאָר אויכעט!

הער גאָלדענבאַרג איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער מיט ביידע הענט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אָנהויבן צו טאָן און מען האָט אים אַ שטאַרקן זעץ געטאָן אין מח אַריין.

רחל האָט זיך צעוויינט.